עס האָט זיך געגרינדעט אין לאָנדאָן אַן אָפּטיילונג צונם וועלט־פערבאַנס פון יידישע זשורנאַליסטן. פאָרזיץ יואל צאַנק, סעקרעטאַר יוסף פרענקעל.

• • •

ביי די שבת נאָכמיטאָגס האָט סעם לעוו געהאַלטן אַ פאָרטראַג : די ענטשטייאונג פונם אַנט סעמיטיזם.

• • •

סיימאָן בלומענפעלדס פּיעסע „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד" אַ לעבנס־בילד פון דער לאָנדאָנער יידישע יוגנד, איבערזעצט אין יידיש פון הער אריעל וועט געשפּילט ווערן אין גרענד־פּאַלעי־טעאַטער פון דער לאָנדאָנער חברים־גרופּע מיט די סטאַרס פון ישראל סימאָן אַסיוויצקי און רעזשיסירט פון האַרי אַריעל.

• • •

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אָרדנט איין, ווי אַלע יאָר דעם חודש אַ בוך־וואָך.

---

**א הארציקן מזל טוב** פריינט **יענקל** און **רחל ראוטש** צום געבוירן ווערן פון זייער איייניקל.

„לשון און לעבן"

---

**אונזער טיפן מיטלייד** צו **פריינט שולמאַן** צום פאַרלוסט פון זיין פרוי. זאָל ער געפינען טרייסט אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

„פריינט פון יידיש לשון"

---


## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

„ווייטשעפּל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-
„שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-
„ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6
„טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6
„פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וזהייט 7/6
יובל־אַלמאַנאַך 15/-
גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

## „די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


216

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 4 (העפט 344) איין און צוואַנציקסטער יאָר־גאַנג אַפּריל 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט :


אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר ביים סדר . . ., צום 19'טן אַפּריל 1960 ** ...... 1
זכור ד' מה היה לנו . . . ...... יוסף הלל לעווי 4
צי ישראל (ליד) ...... בן־א סאַבאַטשעווסקי 6
ביים שוועל, ביים שפּיגל (לידער) ...... עלי זילבערג 7
דער פּסח גייט (ליד) ...... מערי קויהען 7
אַ דיסקוסיע מיט חרוסת ...... אברהם שולמאַן 8
אַ פאָטאָגראַפיע פון פּאָל ווערלען (מיניאַטור) ...... ש. טענענבוים 9
פרילינג, דו (לידער) ...... שמואל וזהייט 10
200 יאָר ועד־הקהילות פון ענגלישן יידנטום ...... ש. י. דאַרפזאָן 11
ויקרא, רבי פּרדס, 14 קורץ־שלוס־סאָנעטן (צום בוך „ווייטשעפּל" ...... א. נ. שטענצל 13
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד) ...... י. ריכטיגער 21
„אַ מאַזשאָריטי אָוו וואַן" (טעאַטער רעצענזיע) ...... עלען ווינאָגראַד 30
קולטור כראָניק ...... מ. אלמאַן 30
„דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פון סימאָן בלומענפעלד אין גרענד פּאַלעי טעאַטער (רעצענזיע) ...... ש. 31
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 32


## פרייז 2 שילינג


אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

## הזכרה פונם ווארשעווער געטאָ-אויפשטאַנד

מיטוואָך, אסרו־חג פון פסח, דעם 20'סטן אפריל, 7 אַ זייגער

אין אַדלער האָל אַדלער סטר. א.1.

ווערט איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון צוזאַם מיטן „רידינגרום“

## די טראַדיציאָנעלע הזכרה פונם ווארשעווער געטאָ אויפשטאַנד

רעדעס, הזכרה, רעציטאַציעס און געזאַנג פון געטאָ־לידער

מיר בעטן צו קומען פּינקטלעך אין צייט!

---

**צום פלוצלינגן טויט** פון אונזער פריינט **יעקב סערעס** ע.ה., דרוקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער פרוי און משפחה. זאָלן זיי געפינען טרייסט אין דעם גוט נאָמען וואָס ער האָט איבערגעלאָזן.

„פריינט פון יידיש לשון“

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

צו דער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַמסטערדאַם, פון **סימאָן** מיט **פלאָרא בארנשטיין**, ווינטשן מיר חתן־כלה און אַלע מחותנים אַ האַרציקן מזל טוב.

א. נ. שטענצל און יוסף הלל בינענפעלד

---

### מזל טוב

צו דער חתונה פון **קיטי בראונס** זון ווינטשן מיר מזל־טוב דעם חתן־כלה און דער גאַנצער משפחה.

„פריינט פון יידיש לשון“

---

אונזער פריינט **אביגדור שייקעוויטש** וואָס האָט לעצטנס דורכגעמאַכט אַ קראַנקייט און געפינט זיך איצט אויף רעקאָנוואַלעסענס אין ברייטן ווינטשן מיר גוטע דערהאָלונג.

„לשון און לעבן“

---


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 344) — איין און צוואַנציקסטער יאָר — אַפּריל 1960 לאָנדאָן


## אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר ביים סדר...

(אַ ווייטשעפּלער פסח־באַלאַדע)

אַן אונטערגעוואָרפענעם ממזר,
וויאַזוי קאָן דען פסח זיין?
פונקט אַזוי ווי די סדר־שיסל,
אַן כזית ביטערס פון כריין.

אויב ווייטשעפּל אַ יידיש שטעטל איז,
וועט שוין אַ ממזר כ'לעבן זיין;
נישט אַ טויט־אונטערגעוואָרפענער —
פון אַליין גאָר קומט ער צו גיין.

אויף שפּיץ־פינגער אַ „שגצל“
אין אַ פענסטער קוקט ער אַריין,
ווי דער ייד רעכט דעם סדר אָפּ,
מיט חרוסת, מיט כרפּס, מיט וויין.

דעם ריח פון פרישע מצה אין נאָז,
ס'פינקלען פון די כוסות אין בליק,
ער קאָן די אויגן נישט אָפּרייסן,
זיי בלאָנדזשען אַהין און צוריק.

ווי יום־טוב'דיק עס ברענען די ליכט,
ווי ווייס דאָס טישטוך אויפן טיש,
און דאָס זינגען פון דער הגדה,
די קניידלעך, די אייער, די פיש.

ער קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקן,
ס'אויג אַלץ אויפגעריסענער ווערט!
און נישט אויף שפּיץ־פינגער ער שטייט מער,
ער שטייט צווישן הימל און ערד — — —

און ווען „שפוך חמתך“ צו זאָגן,
עס עפנט דער ייד די טיר אויף,
גנב'עט זיך „שגצל“ שטיל אַריין
און קוקט מיט אַ געבעט אַרויף:

„אַן אונטערגעוואָרפן ממזר כ׳בין!
די מאַמע וואָס האָט מיך געהאַט,
אַלע יאָר אין די דאָזיקע טעג,
ווען ס׳שמעקט מיט בלום, מיט בליט, מיט בלאַט,

„איז זי אַהער־אַ־דאָ געגאַנגען,
צעשמעקטע מצה מיטגעברענגט,
היי־יאָר איז זי נישט געגאַנגען מער — — —"
איף זיינע וויעס אַ טרער הענגט:

„זייט זי איז נישטאָ מער, די מאַמע,
ס׳גייט דער טאַטע אין „פּאַב" אַריין,
מיך דרויסן אין רעגן און אין ווינט,
אַ ציטערדיקן לאָזט ער שטיין.

„נעכטן אויף דער נאַכט מיך געשלאָגן,
‚דזשו באַסטאַרד׳ געשריגן ער האָט,
אויסוואַקסן ווי דיין זיידע, דער ייד,
נישט בעסער ווי די גאַנצע ‚לאָט׳."

האָט דער ייד ס׳יינגל אַריינגענומען,
און צום סדר־טיש אים געזעצט,
די טרערן־אויגעלעך אויסגעקושט,
דאָס קעפּל מיט זיינע באַנעצט —

דעם שטילן אייביק־פרעגנדיקן,
דעם יידיש וואַרטנדיקן בליק,
דערזען ער האָט אין די אייגעלעך,
צעוויינט פון אַזאַ גרויסן גליק.

## צום 19-טן אפריל 1960

די ראשי המדינות פליען איבער דער וועלט, ווי טייוולנים, ווי די גוטע מלאכים, מיט שמיעות־רעות, מיט בשורות־טובות; מען גרייט זיך צו דער שפּיצן־קאָנפערענץ. די מלאכי־החבלה און די מליצים־טובים רייסן נעבעך איין די וועלט, אַז די אָנגעזאַמלט אַטאָם־און וואַסער־באָמבעס זאָלן נישט אויפ־רייסן; עס ציטערט אויף זיי די הויט. עס פלאַטערט נישט נאָר זייערע פליגל, זייערע הערצער פלאַטערן: די וויסנשאַפט פונם בחיר־היצירה מענטש זאָל, חלי־לה, נישט געברויכט ווערן פאַר רשעות — צו היראָשימאַ־אַקטן! — נאָר זאָל בשפע אויסגענוצט ווערן — יעדערער פאַר זיינע אייגענע צוועקן!...

דאָס מוראדיקע בילד פונם לעצטן יום־הדין: הינטן דער אָפענע תהומיקער גרויל, פול טויט און פייער, פון מגיפה און מבול, און פון אויבן די קינדלעך־



אומשולדיקע מלאכים קעפּלעך מיט די טראָמפּייטערלעך אין זייערע זיסע מלאכים־מיילעכלעך — — —

זיי ווייס נעבעך נישט, די אַלע מלאכימדיקע אַרומפליער, („דער שטן איז אויך אַ מלאך"! פלעגט דער קאַצקער צו זאָגן...) אַז דער וואַסער־און אַטאָם־פאָרמול איז לגמרי גאָרנישט קיין קאַלט־וויסנשאַפטלעכער, קיין מאַטעמאַטיש אויסגערעכנטער, טרוקענער ציפער — עס איז דער בולטער, בלוטיק־זידיקער 6 נולן־פאָרמול, די הייליקע צירופים מיט דער 6 בראש — די 6,000,000 קדושים!

עס איז די צוגעגרייטע גערעכטע און עכטע שטראָף — סיבה־ומסובבדיק און קאַוזאַל! — וואָס הענגט איבערן זינדיקן קאָפּ פון דער וועלט.

ביי דער קומענדיקער שפּיצן־קאָנפערענץ מוז די וועלט שוין האָבן גרויס רחמים, אַז דער שופט־צדק, דער דיין אלמנות ויתומים, זאָל אַראָפּנידערן פון זיין מידת־הדין־שטול און זיך זעצן אויפן שטול פון רחמים. עס קאָן זיך נאָך חלילה גאָר אַרויסשטעלן, אָט דאָרט אויף דער קאָנפערענץ, אַז נישט נאָר דייטשלאַנד אַליין איז דער גאַנצער חייב, נאָר די אַלע שפּיצן־פעלקער זיינען די מיטשולדיקע.

פון די אַלע פּאָליטישע געדריייעכצער, וואָס געווען, בשעת טשעמבערליין־רוזוועלט־לאַוואַל, מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ, פון דעם אָפּגעברענטן פּאָלי־טישן טאָפּ, וועט שוין קיינער גאָרנישט אַרויס־באַקומען, אַ חוץ די מישער וואָס ווילן צעמישן — — אָבער ווידער אים אָפּלאָזן דעם משוגענעם הונט פון דער קייט, — דעם „לאַנץ־קנעכט" פון מיטל־אַלטער, דעם נאַצי פון דער גאַז־קאַמער־צייט! — ווידער אים צווואַרפן דעם פעטן ביין, — דאָס מענטשלעכע געביין! — מיינט געוואָרפן דעם שיין־וואָרפער אויף צוריק.

דער פערדאַכט אויף די פירער פון דיפעלקער איז געווען די גאַנצע יאָרן און אויך איצט; די פרישע האָקנקרייצן אויף די ווענט לעצטנס, איז דער פאַלנדיקער שאָטן דערפון — אומעטום! אָבער אויף דער שפּיצן־קאָנפערענץ קאָן עס ערשט רעטראָספּעקטיש בולט ווערן אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

דאָס מיסטעריעז איז שוין אַזוי גרויס, אַז דער שאָטן פונם פאַרדאַכט פאַלט אפילו צוריק אויף אונז אַליין: בדעבד, לאחר המעשה אפשר כדאי געווען... אָפּגערוימט אַ 6,000,000 גלות־יידעלעך כדי צו זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך... „ככל הגויים"!

מ׳מוז מוחל זיין אַזאַ קרענקלעך מיסטעריעז, אַזאַ בייזן פאַרדאַכט, אויב מיר קאָנען מוחל זיין דייטשלאַנד דאָס וואָס ס׳איז געשען, במחילה גמירה.

ווען מ׳זעט דאָס לעצטע פאָטאָגראַפישע בילד פון דר. בן גוריון מיט דר. אַדענהאַוער, להבדיל, קאָן מען דען אַנדערש טראַכטן?

באמת, ווי אַזוי קאָן דער מנהיג פון דער ישראל מדינה מיטן דייטשן, להבדיל, זיצן אַזוי מה־יפיתדיק צוזאַם און במחילה אַזוי צו לאַכן... ווי גוט די געבליבענע בערן־פעל זאָל נישט פאַרשאַכערט זיין.

איז דאָס נישט אַ מין שטן־געלעכטער איבער אונזער בראָך, חלילה? ווי דער פאַלנדיקער שאָטן דערפון — דער אָפענער כראָשטשעוו־חוזק אין פּאַריז,

באַגלייט פון אַ טייוולישן געלעכטער־כאָר פון 900 פּרעסע־לאַפּיטוטן?

נאָך 17 יאָר פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, קאָכט נאָך אַלץ דאָס בלוט פון די 6,000,000 אויף די פלאַמיקע שייטער־הויפנס, די גערעכטע שטראָף אויסצוזידן, און אויב אַלע פעלקער זיינען די מיטשולדיקע וועט די שטראָף אויף אונז אַלע קומען — — וואָסער מיתה־משונה־באָמבעס וועלן דאָס דעמלט אויפּ־פּלאַצן: טויט און פייער, מגיפה און מבול! „כפאו תהומות בלב ים״ — דאָס האַרץ פון ים ווערט פאַרגליווערט ווערן!

„מיין נישט לית דין ולית דיין!״

און צום שלוס: אַזוי שטאַרק, אפנים, זיינען נאָך נישט אונזערע מנהיגים, די מליצים טובים, אַז זיי זאָלן קענען רעווידירן די דייטשן גרענעצן — אָבער רעווידירן דעם 19'טן אפּריל קענען זיי, ער זאָל חלילה נישט ווערן די גרויס־פאָרמול פון אונזער געשיכטע — — און אַז די „גוטע״ דייטשן וועלן וועלן, וועט מען פאָרמעל, מיט דער צייט, אויך גאַנץ „ליקווידירן״ — דעם באַנייטן „בעצם יום הזה״, פון אונזער יידישער געשיכטע.

## יוסף הלל לעווי

## זכור ד' מה היה לנו...*

איך בין געזעסן אין מיין צימער, ווען די נאַכט האָט פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע, געהיימע פליגל איבער מיר.

גרויע געדאַנקען און טריבע געפילן האָבן מיט ווייטאָק דערוועקט מיינע דערינערונגען...

און איך האָב מיך פלוצלינג געפילט ווי אַ פאַלשער טאָן אין דער נאַכט.

אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט האָט אַ שטים מיך באַפרייט פון מיין ווייטאָק.

און די שטים האָט געקלונגען מעלאַנכאָליש, פרום:

„זכור ד' מה היה לנו״.

ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי ס'וואָלט פון אונזער דריטל אומגעקומע־נעם פאָלק אַרויסגעשוווּמען איין ליידנדע גרויסע נשמה, וועלכע בלאָנזשעט אַרום אויף איינזאַמע וועגן און זוכט איצט, אין דעם גרויסן מאָמענט פון דער וואַנדערנדער שכינה, אַ גאולה פאַר זיך...

אַ גרויל איז מיך באַפאַלן, און שטום האָבן מיינע ליפּן נאָכגעמורמלט:

— גאָט, דו גרויסער, שטאַרקער גאָט, געדענק, וואָס פון אונז איז געוואָרן, די געדאַנקען האָבן מיך ווייטער פאַרטראָגן אין אומענדלעכן ים פון דערי־נערונגען, און עס האָט זיך קיין ברעג נישט געפונען.

און ווידער האָב איך די פריערדיקע שטים דערהערט, אָבער איצט שוין באַדייטנדער, שטאַרקער און דייטלעכער:

---

* צום 19'טן אפּריל — לזכרון, און צו דער 5'טער יאָרצייט פונם פאָטער דעם חודש.



— שטיי אויף, שטיי אויף, דו מענטש...

אין מיין צימער איז געוואָרן אַזוי העל, גלייך ווי טויזנט זונען וואָלטן עס באַלייכט.

און פון דעם שטראַלענדן ליכט האָט זיך מיר באַוויזן אַ געשטאַלט: דאָס געזיכט איז געווען בלייך און איינגעטרוקנט, די באַקן ביינִיק און שפּיציק, ווי צוויי מעסערס... די אויגן האָבן ווי צוויי אויסגעלאָשענע גריבער, אין וועלכע ס'איז געווען פון ווייטאָק און פאַראַכטונג, געשטאַרט מיט ווילדן לייד און טייפלישן שפּאָט... די ליפּן זענען געווען געריגצלט און פאַרטרוקנט... און אויף דעם הויכן געפאַלדעטן שטערן זענען געווען מיט פייער־צייכנס אויסגע־קריצט אַלע זיבן מדורי־גיהנום...

— ווער ביזטו, ווער ביזטו, הייליקע געשטאַלט? — האָב איך געפרעגט מיט פורכט און ווייטאָק.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט ער צו מיר געווונקען:

— גיי! לאָז דיין חלומען, איצט איז נישט קיין צייט צו חלומען און צו רוען... איצט איז די צייט פון צאָרן און משוגעת, איצט איז די שרעקלעכע צייט פון מלחמה... גורט אָן דיינע לענדן, באַוואָפן דיך מיט דער שווערט. טויזנט לעבנס וועלן דיך וויינענדיק בענטשן... קום מיט דיין גייסט!... דיין גייסט, וועלכער לעבט און גליט זינט טויזנטער און טויזנטער דורות... נעם דיין האַרץ, רייס עס אַרויס פון דיין ברוסט און באַלייכט די טונקעלע, ווילדע וועלט!...

— הערסטו נישט די זיפצן פון די איבערגעבליבענע אלמנות?... הערסטו נישט דאָס יאָמערן פון די ציטערדיקע היימלאָזע יתומים?... הערסטו נישט די האַרצרייסנדע שטימען פון די בלאָנזשענדע כלות?... דעם ווייטאָק פון דיינע געשענדעטע שוועסטער, אָ מענטש?... האָסטו נישט געהערט דעם לעצטן קלאַנג פון די הייליקע נשמות אויף די וועגן צו די גאַז־קאַמערן?... האָסטו געזען דאָס לעצטע צוקן פון אַן אויג־אַפּל?... האָסטו געהערט די ווילדע קולות פון די מערדער, וועלכע האָבן ביי דער גסיסה געקלונגען מיט שפּאָט?... פילסטו נישט, ווי די אַלע קרבנות פאַראייניקן זיך און שרייען צו דיר: רייס אַרויס, רייס אַרויס דיין האַרץ און באַלייכט די טונקעלע ווילדע וועלט!...

די הייליקע שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין פוסטן צימער איז ווידער פינסטער געוואָרן, ס'איז פאַרשוווּנדן די הייליקע געשטאַלט... טיף צוזאַמענגעפאַלן פאַר שרעק האָבן מיינע ליפּן שטיל געמורמלט:

— אָ, גרויסער שטאַרקער גאָט פון ישראל!... ווער, אַך, ווער איז געווען די הייליקע געשטאַלט?...

פון ערגעץ־ווו, ווייט, ווייט, האָב איך דערהערט דאָס טרויעריקע בת־קול פון דער הייליקער שטים. אין שרעק בין איך צוגעלאָפן צו מיין קליין פענסטער, אַ בלוטיקער קלאַנג האָט זיך אויפן מזרח־האָריזאָנט אַריבערגעטראָגן:

— איך בין אַ ייד, וועלכער איז אומשולדיק דערמאָרדעט געוואָרן...

בן-א סאכאטשעווסקי

## צו ישראל *

דיין יום העצמאות איז אויך אונדזער יום טוב,
אזוי ווי עס איז אויך דיין פרייד אונדזער פרייט,
ווייל ס׳שטייט אין דעם צענטער די חופה פארביידן,
און האלט אונדז צוזאמען פון נאָענט און ווייט.

דיין ליד פון נצחון איז אויך אונדזער תפילה,
אזוי ווי ס׳איז אויך אפט דיין אומרו און וויי,
ווייל בלויז אין דיין קיום איז דא אונדזער צוקונפט,
צו פילן דורך דיר זיך אין פרעמדקייטן פריי.

דערפאר ברען איך אויס אויפן שטיין מיינע ווערטער
אויף לוחות פון גראניט, אן אָדע צו דיר,
ווייל האָסט אונדז פון שפלות דערהויבן צו ווירדע,
און תמיד בלייבט אָפן דער וועג צו דיין טיר.

כאטש איך בין שוין אלט און פון ליידן צעבראכן,
קוק איך נאך מיט חלום צו דיר, יונג ישראל,
ווייל כ׳פיל מיך שוין מער נישט באשפיגן פון שנאה,
און ס׳איז מער נישט גלות אזוי ווי אמאל.

איצט זינג איך צו דיר בלויז אין טענער פון אפקלייב,
אָן ריטם, צעפלאָסן, פארשיכורט פון גליק,
ווייל אויך מיין מידקייט דערוואכט האט דער ווילן
פון אויפגיין אין יוגנט צו דיר נאך צוריק.

דאס ווארט פון מיין לויב און דאס ווארט פון מיין ברכה,
האט זיך אויף מיין מויל ווי א פייער צעגליט,
צו בענטשן, ישראל, דיך מיט גייסט און גבורה,
מיט ווערטער געהייליקט צו דיר אין מיין ליד.

---

* דאָס לעצטע ליד, וואָס סאָכאָטשעווסקי האָט געשריבן, אַ טאָג פאַר זיין טויט. פון זיין בוך וואָס איז איצט דערשינען. צו דער צווייטער יאָרצייט פום פּאָעט.



עלי זילבערג

## ביים שוועל

געווידמעט צום צווייטן יארצייט פון בן א. שאכאטשעווסקי

אזוי פיל לידער ניט דערזונגען,
אזוי פיל סודות ניט ענטפלעקט,
און צייט איז קורץ, און טעג פארגייען,
און באלד ווערט ס׳לעבן אפגעמעקט.

אַזוי פיל האפנונגן אומזינסטע,
א פייניגענד הארץ פון לייד פארגילט,
אזוי פיל הערליכע פערלאנגען,
אין נאר גאנץ ווינציגע דערפילט.

געקומען ביי דעם שוועל פון לעבן,
געגרייט צו שפרייזן אויף יענער זייט,
נעמט ארום א שטארקע מורא,
אויך דארטן ווייניג צוגעגרייט.

## ביים שפיגל

איך שטיי ביי דעם שפיגל.
איך קלער און איך קלער,
איך קוק אויף דעם פנים,
און דערקען עס ניט מער.
וואו זיינען די לאקן ?
דער גאלדענער גלאנץ !
וואו זיינען די צעפ ?
צופלאכטן אין קראנץ,
די אויגן וואס האבן
געלויכטן ווי די שטערן,
זיי זיינען פארלאשן
פון פארגאסענע טרערן.

און דוכט זיך ערשט נעכטן,
א קינד נאך געווען.
געלאכט און געהאָפט
נאך קיין צער ניט געזען,
די צוקונפט פארשפראכן
האט גאלדענע שלעסער,
דאס גליק איז געוואַקסן,
אלץ גרעסער און גרעסער,
יא, ביז צו דעם הימל,
עס האט מיך דערהויבן,
היינט שטיי איך ביים אבגרונד
און קען עס קוים גלויבן.

מערי קויהען

## דער פסח גייט

גייסט שוין פסח בינסט אין וועג,
מיטן פרילינג — ניט אַליין !
מיט דיינע הייליקע אַכט טעג,
ביי יעדן ייד שטייסט דו איין.

זאַלץ ־וואַסער, מצה, חרוסת,
אויף טיש אַוועקגעשטעלט זיין וועט,
אָנגעגאָסן וויין אין כוסות,
דער אפיקומן און דער הסב־בעט.

קום, קום אַריין מיט גליק,
יעדער ייד וואַרט אויף דיר,
גרייט שטייט שוין אויך דער מוזיניק,
צו פרעגן דעם טאַטן די קשיות פיר.

## אברהם שולמאַן

## א דיסקוסיע מיט חרוסת *

פיר יידן זענען מיר געזעסן אינעם לאָקאַל פון אַ יידיש־פּערסישער קולטור־געזעלשאַפט, וואָס הייסט קאַרעש־קאַביר (כורש דער גרויסער) און **האָבן** דיסקוטירט וועגן — פסחדיקע חרוסת. די פיר יידן זענען געווען:

אַ פּערסישער ייד פון טעהעראַן, אַ מחבר פון ווערטער־ביכער, פון לעקסיקאָנען און פון פּורים־שפּילן פאַר טעהעראַנער קינדער.

אַ קורדישער ייד, וועלכער איז געקומען קיין טעהעראַן פון די מערב־פּערסישע בערג פון זאַגראָס.

אַן אַזערביידזשאַנער שוואַרץ־אויגיק מיידל, וואָס רעדט, אַחוץ פּערסיש, העברעאיש און ענגליש, אויך אַן אַזערביידזשאַנער „יידיש", וואָס אין אַ געמיש פון אַראַמעניש, טערקיש און העברעאיש.

און אַ קאָלירלאָזער ייד פון וואַרשע, וועלכער האָט אַן אויסטראַלישן פּאַס מיט אַ פּאַריזער „קאַרט־דע־סעזשור".

מיר זענען געזעסן ביי אַ גלאָז טיי, דערלאַנגט אויף אַ מעש־געשניצטן טעלער און האָבן אויפן איינציקן לשון, וואָס האָט אונדז געבונדן, אויפן לשון פון איר מאַיעסטעט עליזאַבעט די צווייטע, גערעדט צוערשט מיט אַ גלייכגילטיקן אינטערעס און דאַן מיט אַ שאָוויניסטישער ליידנשאַפט וועגן — פסחדיקע חרוסת.

האָט געזאָגט דאָס אַזערביידזשאַנער מיידל מיט די יידיש־וואַרשעווער חן־גריבלעך:

— די בעסטע פסחדיקע חרוסת מאַכט מען ביי אונדז, אין ארדעביל. מען מאַכט זיי פון אַ געמיש פון צעקוועטשטע טייטלען, פון ראָזשינקעס און פון וועלטשענע ניס.

האָט דערויף דער קורדישער ייד אַ מאַך געטאָן מיט ביטול מיט אַ האַנט, וואָס איז צוגעדעקט געווען מיט אַ הויט פון אַ קאַווע־קאָליר:

— די קורדישע חרוסת זענען זיס און שאַרף. מיר מאַכן זיי פון ראָזשינקעס, פון געמאָלענע ניסלעך, פון פייגן, פון טייטלען, פון אינדישע וואָרצלען, פון האָניק און דאָס אַלץ ווערט געקנעטן אין וויין.

* פונם בוך „דער הימל איז נאָך אלץ פאַר די געטער. . ." וואָס איז איצט ערשינען אין פּאַריז.



האָט דער טעהעראַנער מחבר פון די לעקסיקאָנען געהאַט פאַר דעם אַלעם אַן אָריענטאַלישן הויב מיט די אַקסלען.

— די טעהעראַנער חרוסת זענען זיס ווי עפּל, ביטער ווי מאַנדלען, לעבלעך ווי ראָזשינקעס, הייס ווי אַ מדבר־ווינט, ווייך ווי דאָס פלייש פון אַ נישט־רייפער פייג און שטעכעדיק ווי קראָפּיווע. מיר טוען אַריין אין אונדזערע חרוסת געשטויסענע קאָקאָס־ניס, פּאַקיסטאַנער געווירצן, געמאָלענע באָקסערס, געטרוקנטע איילבירטן, זאַפט פון פּאָמעראַנצן, קערנער פון פעפער, אינגעווייידן פון טייטלען און דאָס אַלץ באַשפּרענקלען מיר מיט האָניק און טונקען איין אין וויין.

האָט דער ייד פון וואַרשע פלוצלונג דערזען פאַר זיך אַ ווייס ציכל מיט געראַדלטע מצות און דערפילט אויפן גומען דעם טעם פון אָלימפּישער אַמבראָזיע:

— איך ווייס נישט פון וואָס מיין מאַמע האָט געמאַכט די חרוסת, אָבער זיי האָבן זיכער איבערגעשטיגן די חרוסת פון ארדעביל, פון קורדיסטאַן און פון גאַנץ פּערסיע.

דער שאָוויניזם, וואָס ליגט ביי יעדן פון אונדז פאַרטייעט אויפן דנאָ פון די געבליטן האָט גענומען אַרויפקומען אויף דער אויבערפלאַך. דאָס אַזערביידזשאַנער מיידל מיט די שוואַרצע אויגן און מיט די חן־גריבלעך איז געווען צום מייסטן איינגעעקשנט, כאָטש אירע חרוסת האָבן נישט געהאַט מער ווי דריי באַשטאַנדטיילן. די טעמפּעראַטור פון די רעגיאָנאַלע יידישקייטן איז אַרויפגעשווומען ביז צו אַ פונקט, נאָך וועלכן עס פאַרבלייבט איינס פון די ביידע: אָדער אַן אַטאָמישע מלחמה, אָדער אַ ברידערלעכן פרידן. מיר **האָבן** אויסגעקליבן דאָס צווייטע.

פאַרן אַוועקגיין האָט מיך דאָס ביבליש־אַזערביידזשאַנער מיידל געבעטן אָנצושרייבן עפּעס אין אַ גאָלדן בוך, וואָס איז געווען נישט פון גאָלד, נאָר פון פּאַפּיר באַפּוצט מיט בלוי־פּערסישע אָרנאַמענטן.

צווישן די אַלע איראַנישע, ענגלישע און פראַנצויזישע אויפשריפטן זענען פאַראַן דאָרט צום ערשטן מאָל די פאָלגנדיקע שורות אויף יידיש:

„ס'איז אַ וווּנדערלעך געפיל צו געפינען זיך צווישן אַזעלכע ווייטע און פרעמדע יידישע ברידער און פלוצלונג פעסטצושטעלן, אַז טראָץ די אַלע ווייטקייטן פאַרבינדט אונדז אַזאַ הערלעכע זאַך ווי — פסחדיקע חרוסת".

## ש. טענענבוים

## א פאטאגראפיע פון פאל ווערלען

(אַ מיניאַטור)

דער פּאָעט מיט דעם מאַיעסטעטישן אומעט זיצט ביים הילצערנעם טיש ווי קעניג קהלת. אויפן טיש ליגט זיין דינער שטעקן און זיין גרויסער הוט. עס שטייט זיין כוס מיט וויין און זיין טינטער מיטן פינצטערן טונט. אין האַרצן גליט אין דער גאָלדענער אומאַזש פון א געליבטער פרוי, וואס איז אויף אייביק געבליבן שטיין ווי א זייל פון גאָלד אין זיין צאַרטן, טרויעריקן ליד . . .

## פ ר י ל י נ ג

דורך די דאר־ברוינע בלעטער
גרינט שוין אַלעס אין גרינער פראכט,
מאמע־ערד שפרודעלט מיט פרישקייט,
פרילינג האט שהחיינו געמאכט.

קאליריגע קראקאָס און בלומען
באווייזען זיך פון אלע זייטן,
צעזונגען זיך די פייגעלעך,
מיט אַ ברוך־הבא א ברייטן.

פארחלום׳ט שטייט דער מאנדעל־בוים,
מיט זיינע ראָזיגע קאלירן,
און „פארסידיא״ *, מיט העלן גאלד,
האלט מיט אים אין קאנקורירן.

די זון האט זיך היינט,
מיט העלקייט צעשיינט,
געפלאנצט האפן און פרייד,
אין הערליכער פרילינגצייט.

## ד ו

עס שפיגעלט זיך דיין צאַרט געזיכט
אין די רוישיגע ים — וועלן:
נימף פון ווייסען שוים אויפגעטויכט,
מיין געבעט, כ׳זאל דיר געפעלן.

געקושט פון די זונענשטראלן,
וואָלט איך וועלן אַזאַ שטראל־זיין.
צי קענען קישן דיין געזיכט,
וואָס צויבערט מיט אַזוי פיל חן.

נימף פון וועלנרויש אויפגעטויכט,
מיין הערליכער שענסטער־טרוים,
קוועלט מיין הארץ מיט פרייד — אַזאַ פרייד.
וואס טובלט אין ווייסען וועלנשוים . . .

---

* „פארסידיא״ איז אַ יאפאניש־גאלדיק גלאקענביימעלע.





## 200 יאר וועד־הקהילות פון ענגלישן יידנטום

עס איז געווארן צוויי הונדערט יאר, זינט ס׳איז געשאפן געווארן דער „וועד הקהילות״ פון ענגלישן יידנטום, וואס איז דא בעסער באקאנט אונטער זיין ענגלישן נאמען „באָארד אָוו דעפיוטיס אוו בריטיש דזשוס״.

דעם אמת געזאגט, איז דאס גרויסער יידישער יום־טוב, מיט וועלכן עס דארף זיך פרייען דער האלב מיליאניקער יידישער ישוב אין מלכות ענגלאנד, בפרט נאך, ווען דער היגער יידישער קיבוץ שטעלט מיט זיך פאר א גאנצקייט פון אן ארגאניזירטער יידישער רעפרעזענטאנץ, א מין „פארלאמענט פון ענגלישן יידנטום״, וואס איז פארשוינט געווארן פון דעם נאצישן קאטאקליזם.

אבער דער דאזיקער יום־טוב איז, צו אונדזער גרויסן באדויער, נישט דער אויסדרוק פון פרייד ביי אלע יידישע תושבים פון דעם לאנד ; און בעיקר איז דאָס נישט די שמחה פון די היגע, יידיש ריידנדיקע יידן, וואס פילן זיך פרעמד ביים יאהודישן טיש פון דער לאנדאנער קהילה . . .

די לאנדאנער קהילה גרויסט זיך, אז זי האט מקיים געווען ד״ר הערצלס דעוויז און, זינט דעם יאר 1940, דעראָבערט״ — א דאנק איר „ציוניסטישער מאיאריטעט״ — דעם אזוי גערופענעם „פארלאמענט פון ענגלישן יידנטום״. איז אביסל שווער צו מאכן דעם חשבון, אויב אלע, אן אויסנאם, 400 פרנסים, וואס זענען רעפרעזענטירט אין דער היגער־קהילה זענען „ציוניסטיש געש־טימט״ ? אויב זיי זענען טאקע נאציאנאל געשטימטע יידן, טא ווי קומט עס, וואס אין דער לאנדאנער. קהילה הערשט נאך אלץ דער נבזהדיקער חרם, נישט בלויז קעגן דעם יידישן מאמע־לשון, נאר אפילו העברעאיש איז אויך טריפה חזיר, און די קהילה־פרנסים טארן נישט, בעת די עפנטלעכע קהילה־פארזאמ־לונגען, זיך באנוצן מיט די דאזיקע ביידע לשונות ! ! !

עס הייסט, אז אין די פארשימלטע קהילה־סטאטוטן, וואס זענען 200 יאר אלט, איז פאראן א „פאראגראף״, אז בעת די עפנטלעכע קהילה־אסיפות טארן די פרנסים זיך נישט באנוצן מיט די דאזיקע צוויי „פרעמדע לשונות״ (יידיש און העברעאיש), נייערט־ענגליש, און די ציוניסטישע קהילה־פרעזידענטן האלטן זיך, אייזן־פעסט, ביי דעם שענדלעכן „פאראגראף״ און לאזן נישט ריידן קיין אנדער לשון — רק „אינגליש״.

דער וועד־הקהילות פון די ענגלישע יידן איז געשאפן געווארן פון די ספרדישע „יאהודים״, וואס האבן אנגעפירט מיט דער היגער קהילה־גרענדע אין משך פון 180 יאר, ביז פראפעסער זעליק בראָדעצקי, ע״ה, האט די מאכט ארויסגעריסן פון זייערע פארגליווערטע ידים ! אבער סיי ער, און סיי זיין איצטיקער־ממלא־מקום, דעפוטאט בארנעט דזשאנער, אים צו לאנגע יארן, האבן געקאנט זייער אסך ענדערן און דער לאנדאנער קהילה ; אביסל רעפארמירן די אלגעמיינע סטרוקטור פון דעם היגן יידישן לעבן בפרט. אבער זיי האבן דאס נישט געטאן און איבערגעלאזט דעם גורל פון דער קהילה צו די „אָפישלס״,

וואס זענען נישט באהאוונט מיט די גייסטיקע און קולטורעלע נויטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין דער בריטישער הויפט־שטאט.

די יידישע קהילה אין דער ארגענטינישער הויפט־שטאט, בוענאס איירעס, למשל, און די יידישע קהילות אין מעקסיקע, בראזיליע און אין די אנדערע לאטיין־אמעריקאנער לענדער, זענען געווארן א יש אין דעם דארטיקן יידישן לעבן. זיי סובסידירן — לויט די פינאנציעלע מעגלעכקייטן — די יידישע שולן, ביבליאטעקן, טעאטער און אנדערע קולטורעלע באדערפענישן אין זייערע ישובים.

מיר ריידן שוין נישט וועגן די אמאליקע, פון די נאצים פארשניטענע קהילות אין פוילן, רומעניע, אונגארן, טשעכאסלאוואקיי, ליטע, לעטלאנד און אין די אנדערע פארטיליקטע יידישע ישובים, וואס זענען געוועזן קהילות־פאלקס־טימלעכע, לויט זייער כאראקטער, און זיי האבן אויסגעפורעמט דאס אלגעמיינע יידישע לעבן, לויטן גייסט פון דער צייט. צום באדויערן קאן מען דעם משל נישט אנווענדן, אפילו נישט מיט קיין איין פראצענט, וועגן דעם פארגליווערטן כאראקטער פון דער לאנדענער קהילה, וואס איז אלץ אין דער וועלט־אבער קיין יידישע קהילה, לויט אונדזערע יידיש־נאציאנאלע און קולטורעלע באגריפן, איז זי נישט!

דער 200 יאריקער יום־טוב פון דער לאנדאנער קהילה איז־מיר זאגן דאס מיט צער און חרפה, „נישט אונדזער יום־טוב, און נישט אונדזער פרייד". מיר, יידישע יידן, פילן זיך ווי פרעמדע אורחים אויף דער דאָזיקער שמחה, צו וועלכער מיר זענען אפילו נישט איינגעלאדן געווארן...

דעם אמת געזאגט, האבן מיר (איך האב כסדר אין זינען די יידיש־ריידנדיקע יידן), דיזעלבע אייז־קאלטע באציונג צו דער לאנדאנער קהילה, ווי די קהילה האט צו אונדז...

אין די אכציקער און ניינציקער יארן פון דעם פארגאנגענעם יאר־הונדערט, ווען עס האט זיך אנגעהויבן די איינוואנדערונג פון די מזרח־אייראפעאישע יידן קיין ענגלאנד, האבן אונדזערע פארגייער געהאט די ברירה צו רעוואלטירן קעגן די דעמולטיקע יאהודישע קהילה־פירער און שאפן אן אייגענע קהילה, לויט זייער איינזען און געשמאק, ווי עס זענען געוועזן די קהילות אין זייערע אמאליקע היימען. אבער זיי האבן דאס נישט געטאן, ווייל זייערע חושים זענען קאנצענטרירט געוועזן אויסשליסלעך אויף צו פארבעסערן זייער ביטערן עקאנאָמישן מצב, און געוואלט ברענגען דעם סאציאליסטישן משיח, וואס זאל זיי באפרייען פון דער מוראדיקער מאטעריעלער דאַליע.

אונדזערע מזרח־אייראפעאישע פארגייער אין ענגלאנד האבן זייער גורל אנפארטרויט די יאהודישע קהילה־פארזארגער, און פאר דעם זכות האט מען זיי מזכה געווען מיט א בפרישער שנאה צו אלץ, וואס איז יידיש־פאלקסטימלעך און קולטורעל.

האט זיך אויסגעפארמט א מיאיסע פארזעעניש אינעם יידישן לעבן אין ענגלאנד, וואס האט פארהויקערט דעם כאראקטער פון אונדזער קיום. מיר



זענען געווארן א הילפלאזע סטאדע, אָן א גייסטיקן פאסטוך.

מיר האבן דא נישט קיין יידישע צוקונפט, ווייל מיר האבן זי נישט געבויט, נישט געאקערט און נישט געזייט; איבערגעלאזט אלץ אויף הפקר־אויפן חסד פון די „יאהודים", און אויף די אזוי גערופענע כלי־קודש יידן, וואס האבן פארשאכערט דאס יידישע רעליגיעזע לעבן, פון וועלכן עס איז געבליבן הויט און ביינער, באצירט מיט „פרנסה בערדלעך" אויף זייערע פנימער פון חוזק.

מיר זענען די עדות פון א ביטערער קעגנווארט און פון נאך א טרויעריקער צוקונפט, ווייל דער אויסזען פון היגן יידישן לעבן אין 50 יאר ארום, ווען עס וועט, אפשר, געפייערט ווערן דער 250 יאריקער יובל פון דער לאנדאנער קהילה, וועט זיין נאך טרויעריקער, ווי עס איז איצט, אין די טעג פון חודש אפריל, 1960.

## א. נ. שטענצל

# ו י ק ר א

צום בוך „ווייטשעפל"

(ר׳ משהלע פון פוילישן עסטרייכישן שטיבל אין פילגעט סטר)

ערשט געענדיקט און שוין ווידער אנגעהויבן,
כסדר אזוי חוזר־חלולה, אן אויפהער;
א שפארע, ווייסע בארד מען קאן צונויפשטעלן,
די האר, אריינגעפאלן אין ש״ס, צעלערנטן,
ביים איינבייסן תוספותלעך, הארבלעך־שווער.
זאגן בלאַט נאָך בלאַט בעל־פה אין הימל אויבן,
גייט ער אצינד, א קינד צו גאט, אויף פארהער.

ארום אכציק יאר צוריק, פרשת ויקרא...
ער געדענקט, ס׳איז זיין חומש־סעודה געווען...
אויבן דער פארהערער: „יינגעלע, יינגעלע,
האָב נישט קיין מורא, גענען אַביסל נענטער" — —
ממש בחוש צו זען, ס׳וואלט אקארשט געשען.
איצט, די גמרא־סעודה, דער סיום — געענדיקט:
„מיין פארהערער, כ׳וואש מיר נאר די הענט, כ׳געגען —"

ער שווימט אין ים־התלמוד, זאגט ווי א וואסער!
גאטס הארץ, כביכול, גייט אויף „כי גאה גאה":
אזוינס בנמצא אין א ווייטשעפל־געסל,
אונטער א גרויסער ש״ס־גמרא זיך פארשטעקט,
איך צומאל נישט געוואוסט, אז אזוינס נאך דא.
ר׳משהלע שמייכלט: מ׳מוז זיך אויסבאהאלטן,
פאר גאט צומאל, צו לערנען תורה לשמה.

דאס שבת־אויבסט אויבן, ווי ברייטלעך אויסגעטיילט,
פון סאמע עץ־חיים די צייטיקסטע פרוכט!
דער נחת־רוח וואס לייכט פון גאטס פנים אראפ:
א יידעלע הויט־נ׳ביין, און ווי קליין, אזוי ריין,
דעם גן־עדן ס׳ועט באשיינען אַזאַ „צוכט" — —
צעפלאָסענער שוים ביים ברעג, ווען דער ים ווערט שטיל,
כ׳זע ציטערן דעם שמייכל אין באָרד — מיר דוכט.

און די טרייסט: ווער ווייסט, וויפל אזעלכע נאָך דאָ,
אויב אין ווייטשעפל אַזוינס זיך אָפגעזוכט.

## רבי פרדס

(דער גרינדער פון דער „יסוד־התורה" און „די מתובתא")

שווערער פון זיין וואָגיקן גוף, דעם ווייט־צעוויגטן,
זיין כוונה ווען אויף טראָטואַר דאָ געטראָטן;
ער איז נישט געגאַנגען, עפעס האָט עס אויסגעזען,
ער וואָלט מיט זיינע פיס האַרטן ליים געקנאָטן —
אַ פויער אויף שטייניק אויפגעריסענעם אָקער
זייט זשאַרנעס באַדאַכט, יעדע איינע זאָל געראָטן.

ווי ברייט פאָראויס, ווי גרויס געוויגט ס׳האָט זיך זיין שאָטן!
ווען אָבער אָנגעקוקט איינעם מיט זיינע אויגן,
האָבן זיי אויסגעזען, אַזוי גלעטנדיק הייליק —
אַ קו קוקט איר קאַלב אָן, איידער זי גייט׳ס אָנזויגן.
אין נאָך פשוטער זיינע רייד, געציילט, געמאָסטן,
גאָלד ווערט נישט אַזוי גענוי אויף קאַראַט געוווינגן:

„ווען געווינדשאָוולט די פלעוועס אַוועקגעפלויגן,
אַזוי אַלץ וואָס איך אויסלערנען און דו פאַרשרייבן;
האָט מען עפעס מיטגעברענגטס, אינם האַרץ־טאָרבעלע,
מיט די אייגענע לייבער מוז מען עס פאַרלייבן".
כ׳קוק נאָך דעם שווער־וויגנדיקן גרויס־וואָגיקן גאַנג,
עפעס טראָגט ער אַזוינס, וואָס מוז אייביק פאַרבלייבן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז אַזוינס זיך דאָ פערפלאַנצן, ווער געקענט גלייבן:
אַ בלאַנק־צעבליצטער ביים „תומים", ביים „שאגת אריה",
אַ בליק שטיל־גלעטנדיק פון „של״ה" אַרויס, פון „חוק״ל",
מיטן פינגער־דריי, אַקוראַט מיט קנייטש און שאָקל;



TOWER HAMLETS LIBRARIES

„ואני — —" יינגעלע מיט זינגענדיק קולעכל,
מיט פינגערל אין פיאהלע געדרייט אין לאָקל.

און ווען אין שטריימל און בעקישע, שיך און זאָקל,
געזען דעם שווער־וואָגיקן אַ ריקודל טאַנצן,
די פאָלעס צעפלאָשעט, באָרד און פיאות צעפלאַטערט,
אויסגעטון פון גוף, אַ באַפליגלטן אינגאַנצן,
לייבהאַפטיק געוואָרנער פאַרטייטש: „ברינה יקצורו" —
אזוינס־אָ, מיט זיינע הענט געקאָנט דאָ פערפלאַנצן.

## 14 „קורץ־שלוס"־סאנעטן

1

איך וועל דאָך נאָך מיר קיין אלמנה נישט לאָזן,
און קיין יתומים מען זאָל פאַר זיי נדבות קלייבן,
זאָל כאָטש, ווייטשעפל, אַ בוך נאָך דיר איבערבלייבן,
נאָך דיר, וואָס דו ביזט ווי איך אַזוי פאַרלאָזן.

קיינער אויף מיין קבר נישט ברענגען מימאָזן,
צו לייגן אויף אים אַ קוויטל קיינער נישט שרייבן;
נישט האָבנדיק מיט וואָס קיין קאַטאָוועס צו טרייבן,
אַן איינזאַמער ווינט אויף מיין קבר וועט בלאָזן.

אַן עסק? אַראָפּ פון מאַרק! געשטאָרבן, באַגראָבן!!
און די מייז צו גריזשען ווילאַנג וועלן זיי האָבן?
טאָ זאָל כאָטש בלייבן נאָך מיר אַ קופּע ביכער;

נישט, חלילה, פאַר לעזער — פאַר די מייז צום פרעסן!
אַ הונט אפילו וויל, מ׳זאָל אים נישט פאַרגעסן,
ערשט, מחילה, אַ דיכטער — זיכער נאָך ניחה׳ער.

2

איין באָמבעלע, צוויי, אַ האַלב טוץ ס׳איז גענוג,
דעם אינזל דאָ פון דער ערד גאַנץ אָפּצווישן,
אַז אין גן־עדן דאָרט, ווו ס׳רוט דער נהר פישון,
די טעמזע אויסאָטעמט אין לעצטן אָטעם־צוג;

דער צעקראַכטער כרך, אַ מין צעבראָכענע קרוג,
געבליבן פון דער צייט פון אדם הראשון — —
אַ צעקאָלטשעט׳ס, צעקיילט׳ס מ׳וועט דאָס בוך מישן:
איז עס נישט אַ קייל־שריפט־נאָכגעמאַכטער בעטרוג?

ווער איז ער דאָס דער שעקספיר פון וועמען ער רעדט?
עפעס אַלץ אויסגעמישט ווי אין הינערפלעט — —
מען וועט מישן און מישן, לעזן און לעזן:

פון ווו ראַפּטים אַ שטאָט לאָנדאָן זיך גענומען ?...
בלויז צו איין מסקנא אַלע מוז קומען :
געוויס, אַ ווייטשעפל איז דאָ ווו געווען.

3

ספרי־תורה צענדליקער געשיקט קיין ישראל,
אין אַ באָן־סטר. אַנטיק הענגט נישט איין כתר און יד,
און פרוכת בראָקאַט מיט אויסגעהאָפטענעם פרט,
פונם ווייטשעפּעלער נגידישן אַמאָל.

כמעט אויסגעשטאָרבן, אַוועקגעצויגן גאַנץ קהל,
אין אַ חלוץ־קיבוץ עולה געווען אַ יאָט ;
פון די וואָס ווי מייז ווו פאַרקראָכן, צי גלאַט געשמדט,
ווער וויסט, ווער געציילט, אפשר נאָך גרעסער די צאָל.

ווי אַמאָל, נישט פון איין קירך נישט איין שול געמאַכט,
איצט נישט פון איין שול אַ „פאַקטאָרי" איבערנאַכט ;
און פון די פּאָר געציילטע וואָס זיינען נאָך פאַראַן,

דער „זה השער", דער „אנשי לאָשיק", ביידע ביינאַנד,
ביז צום ביין אָפּגעקראַצט דרויסן פון דער פראָנט וואַנד,
אַז ווער ברויך דען וויסן, וואָס און ווען און פון וואַן.

4

זיי שטייען ווי אַרום אַ זליוו מידע פערד,
מעלה גירהן אין אַ צייטונג דעם „געווינער",
איינער אַ ידען און דערצו אַ פאַרגינער,
רעדט, און דער צווייטער מיט קאָפּ זיך צוהערט :

„זעץ אויף אים, איך קען אים, אָ ער האָט די ווערט !
זעסט האַלדז־נאַקן, אַ מוסקולירטער דינער,
און די שלאַנקע פיס ווי פון אַ שפין אַ שפינער,
ווען צעריסן פלוצלינג זיין שפין־נעץ ווערט".

באַץ ! דעם לעצטן שילינג ביידע שוין איינגעשטעלט !
ס'איז דאָס וואַרטן, די אויסזיכט — אַ רוח אינם געלד !
און אַ גאַנצן טאָג זיי צאַפּלען ווי אין אַ נעץ.

אויף קאַר־און באַס־רעדער עס העצט די גאַס פאַרביי,
יענע, איין שילינג אויף איין פערד געזעצט, די צוויי,
שפירן איבער לייב פון דזשאָקייס פיס יעדן זעץ.

5

דרויסן פאַר פיין־געפלעגטן פאָרשטאָט־הויז,
דער שכן מיט זיין גרויסער גאָרטן־שער ;



„ווער איז ער דער, געקומען דאָ אַהער ?"
דרייט ער זיך שטייף מיט דער שער צוריק אויס.

טראָציק בליצט טעכטערל דורך שויב אַרויס,
און אויב אַ „דזשו בוי" ער איז, „איי דאָנטקער" !
מיט יעדן טאָג ער געפעלט מיר אַלץ מער,
מ'שערט נישט איבערן דאָרן אָפּ — די רויז :

ווען נישט ער מיט איר אין דער קירך אַריין,
וועלן זיי ביידע אין דער „טאַון־האָל" גיין !
די חופה איז אין ליבעראַל־שול געווען ;

זי, „צלמל" בלויז מיט „מזל" פאַרביטן !
פאָטער מיט שער אַ רויז זיך אָפּגעשניטן,
און דער שענטסטער מחותן ער איז געווען.

6

ס'האַלט נאָך קוים צוזאַם אַ מנין אין שול,
אין הויז, אַ פערטע האַנט צו אַ קערטל,
אַ יידישלעכער וויץ, אַ גלייך־ווערטל,
און יום־כיפור — מיטן „כל־נדרי־אפיל".

עפּעס אַ מין געמישט און געהיים געפיל,
גיט נאָך אַ טאָרע אין האַרץ, אַ צערטל,
ווען דער ראַביי אָן אַ סימן בערדל,
מאַכט דאָס שטייף־„איינשטודירטע" צערמאָניע שפּיל.

ווי רירנדיק, דאָס נישט וועלן זיך פאַרלירן :
ווייט־אויפגעפראַלט, אָפן, שטייען טויזנט טירן,
און איינע פירט צום דעם הייליקן לאַבירינט — —

שטילער בליק, פון שייד אַרויס שאַרפער ווונק, —
אונטער קופּע אַש עס גליט נאָך אַ פונק ! —
פון זיידע צו אייניקל, פון טאַטן צום קינד.

7

ניין, מיר וועלן זיך נישט פאַרלירן,
און ווי גרויס דער כרך זאָל נישט זיין,
און פאַרן שריט — דער שטרויכל־שטיין !
צו אונזער ציל אונז צו דערפירן,

דער שליאַד — דאָס בלוט אין אונז מיר שפירן !
שווערן וועג מיר וועלן דערגיין,
וויפיל פאַרמאַטערט ס'בלייבן שטיין,
וויפיל פאַרפיר־ליכטלעך ס'פאַרפירן.

פון אָנהויב פון דער וועלט פֿירט דער וועג,
און ווי משופּעדיק־שיף, ווי שרעג,
און ווי תהומיק־טיף, ווי פעלזיק־שאַרף.

און די, וואָס בלייבן שטיין אין מיטן,
ס׳לעצטע רענדל שוין אויסגעביטן — —
שוואַכע אויף שווער־ווייטן וועג ווער דאַרף?

8

לעבעדיק, פריש־צאַפּלדיק געווען דאָס געסל,
חול־מועד מיט די קינדערלעך ס׳האָט ניסלעך געשפּילט,
שבת, אַ ייד די געפילטע פיש טיף דערפילט,
געזעצט זיך דרויסן אויף אַ צעקרעכצטן זעסל.

ס׳געסל האָט געשמייכלט: האַ, געווען אַ פרעסל?
און יעדן זיפץ אַזוי שבתדיק מיטגעפילט!
איצט זיינען ביידע שוין טויט, ער האָט זיך פאַרקילט,
און זיין לעצטן אָטעם אויסגעהויכט ביים פרעסל;

ס׳געסל — אַ מתל, ווייט־ווו אַוועקגעטראָגן!
אויף זיבן אַזעלכע, מיט זייערע ראָגן,
אַ מצבה אויף זיי — אַ 10 שטאָק געביידע!

עס קומט נאָך אַמאָל אַ בריוו אויף געסלס אַדרעס,
אַן אייניקל איז נאָך מזכיר צום גוטן דעם מת:
אַ גוט „דזשו" געווען דער „אָלד מען", דער זיידע.

9

אַזאַ געסל נאָר אַהערגעברענגט ס׳האָט עס ווער,
צווישן פערענעס און טלית־זאַק און תפילין,
איינגעפּאַקט אין אַ בין השמשות אַ שטילן,
גרענעץ אַדורכגעשוואַרצט און מיטגעבראַכט אַהער.

אַ געסל אויפגעהענגט אין סוכה אַ לאַמטער,
אין הימל אַ לבנה — הינט זאָלן בילן!...
דורך פענסטערלעך — דורך אַ פּאָר באָבישע ברילן,
קוקט זי טאַקע אַרויס מיט בלישטשענדיקער טרער:

געשטאָרבן יענער, וואָס האָט עס אַהערגעברענגט,
נישט מער אויף הימל, נישט אין סוכה — — זע, עס הענגט
אויף אַ הייבער, צענומען ציגל אויף ציגל;

אָבער די באָבישע ס׳האָט ווער מיטגענומען,
וואָרים אין נייעם פלעט זי וועט צונויץ קומען,
פאַר אַ „בעבי זיצער" צו וויגן אַ וויגל.



10

ס׳ביימעלע אין טונקלען ווינקעלע אויף מיין הויף,
ס׳איז געבליבן אָפּגעראַטעוועט, ווי על פּי נס;
צווישן רחבות־פּלעטס, ווי אַ פינטעלע אין א חת
שטייט עס פאַריתומט און קוקט צום הימל אַרויף.

ווי גוט איז אים אין יענע טעג געווען, „מה טוב",
אין קליינעם הייפעלע, ווען אויפגעגאַנגען זיין בעז — —
איצט קוקן טויזנט שויבן אויף אים, בלויז ווער זעט עס,
ווי זיינע קנאָספּן בלוי־פיאָלעטן גייען אויף?

אויף הייפל דורך איין פענסטערל זיינען אויגן —
זומער־פייגעלעך פלאַטערדיק אָנגעפלויגן,
זיינע צווייגלעך בליען זיי האָבן געזען.

ווען אין דעם חת־פירעק איצט אַ קאַר נעמט אָנפליען,
איין שטיק שרעק דאָס שטאַמעלע, ס׳שטאַמלט: פּתח שין — —
שאַ, נעמט עס טרייסלען: ס׳זאָל נאָר קיין אומגליק געשען.

11

פון די שולע די קינדער קומען צו לויפן,
צווישן די צווייגעלעך עס פאַלט דער ערשטער באַלעם;
דאָס ביימעלע כאַפּט זיך אויף: מסתם שוין נאָך אַלעם!
זע, הונדערטער קינדער פון הונדערטער הויפן,

אויף דעם בייזן ווונדער זיך צוזאַמענלויפן — —
דאָס ביימעלע שטאַמלענדיק צעשאָקלט אין אַ פּסאַלם!
נאָר עפּעס אַ יינגעלע, אַזאַ מין גבר־עלם,
צעלאַכט זיך אַזוי הויך אויף אַזאַ מין אופן,

אַז ביימעלע בלייבט ווי פריטשמעלעט אינמיטן,
און עס פּלאַצט פּלוצלינג אויף מיט מיליאָסן בליטן,
אַזש אַלע טויזנט שויבן צעלאַכן זיך מיט — —

מיטן גבר־עלם יינגעלע? מיטן ביימעלע,
לוסטיק אָנגעטון אין פיאָלעטן שטריימעלע,
אין צוויט אַזאַ, אין דעם רחבות אין דער מיט?

12

גישט ווייל אין די באַסעס דאָס שטופּעניש געדרענג,
נישט ווייל דער געלויף פון דער אַרבעט, עס איז די שעה,
די פאַרנאַכטן געמיטלעך־מידט ס׳זיצט זיך אים דאָ,
ברייטן טראָטואָר דורכגעגאַנגען גאַנצע לענג.

מאָדנע עפּעס טראַכט זיך ווען איך גיי דאָ: איך דענק!
דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט איינטאָניק גראָ — —
געמיינט, דרויסן אַ פּלעט: פייגל, אפילו אַ קראָ — —
אָבער אַלץ אַזוי טויט — — דאָ אין קאַפע, אין שענק,

ביי אַ הייסע „קאַפּ טי", ביי אַ קאַלט גלאָז ביר,
ס׳קומט ווער אַריין, ווער אַרויס, ס׳עפנט זיך די טיר,
דרויסן לויפן די באַסעס, פון מאַרק דער גערודער,

אַ זופּ, אַ זיפּעלע, עס בענקט זיך עס טראַכט זיך,
אַלץ אַזוי נאָנט, אַזוי אייגן היימיש, ס׳דאַכט זיך:
קומט נישט אַריין דאָרט, עליו־השלום, זיין ברודער.

13

דער שכן פון רעכטס האָט זיך אַוועקגעצויגן,
נישט חלילה אז ער האָט די יידן נישט גערן — —
ס׳גרילצט אין אויער זייער גלענציג ענגליש צוהערן!
אַז ווי גאָלד־רענדלעך ס׳ווערן ווערטער געוויגן,

קומט עס נישט פון האַרצן, קומט עס פון די אויגן:
זיסלעך־זויער, ווי ווייך־געווייקט אין זאַלץ פון טרערן,
און מיט אַמאָל שפּיציק־שאַרף גאָר, ווי האַרט זיי ווערן,
מיט אַ דריידל, ציק־צאַק, און קונציק געבויגן —

ממש מען זעט געשליפענע צײנדלעך פון אַ זעג!
מילא, אין אַ וואַריטע, אָבער נישט גאַנצע טעג.
חלילה וחס, נישט ער האָט יידן נישט גערן — —

טײלמאָל ווילט זיך זיצן אין גאָרטן און שווייגן —
צופיל צומאָל ס׳שוואַלבן־געטשוויטש אויף די צווייגן —
און דאָס קאָן דאָך רעדן קיין רגע נישט אויפהערן.

14

ווי אַ סוכה, ס׳„געטאָ" צעלייגן געלונגען,
אין יעדער געגנט אייגן געטעלע אויפגעשטעלט;
ווי פאַרן פסל־מיכה־געץ, אַ כהן פאַר געלד,
אַ מין גלחיש מיניסטערל זיך געדונגען.

געהערט ווי ער „געפרעיערט", דער כאָר געזונגען,
איבערן געביין געגאַנגען אַ גרויליקע קעלט — —
ס׳געבלעקעץ נישט צו הערן, די אויערן זיך פאַרשטעלט!
געגאָרגלט, געאָרגלט, „דרילער" וואָלט געדרונגען —



ווי בשעת אויפגעריסן אין ווייטשעפּל זיין גאָס!
אַ טרערן־קוואַל זיינע באַקן געמאַכט האָט נאָס:
גאָט, זאָל אויך מיין געוויין, מיין תפילה פאַר דיר גיין,

אויב מיר מוזן אונטערגיין, אויב דאָס דיין ווילן,
דיין געטלעכן כעס איבערן מענטש צו שטילן,
דאָס איבערבלייבכץ, כאָטש, בלייבן באַשטיין.

אדר 1960

י. ריכטיגער

## יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע

## די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים

ד

נאכן פארענדיקן דעם בנין פון בית המקדש, האט דער ישוב אין ארץ ישראל נאך, לערך איין און צוואנציק יאר, געלעבט אין שלום מיט זיינע שכנים די קאלאניסטן און צוזאמען האבן זיי געארבעט פאר דעם וווילשטאנד פון לאנד — פירצן יאר אונטער דאריוס דעם צווייטן־דריוש־אסתר׳ס זון, און זיבן יאר אונטער ארטאקסערקסעס דעם צווייטן־ארתחשסתא פון ספר עזרא־אסתר׳ס אייניקל — ביז עזרא הסופר איז געקומען פון פרס ומדי, כדי צו לערנען די יידן פון ישוב די רעליגיעזע און ציווילע געזעצן פון תורת משה. (עזרא ד׳)

אז די יידן פון ישוב זענען ניט געווען קיין עם הארצים און געווארט אויפן סופר פון גלות, ער זאל זיי אויסטייטשן די געזעצן פון תורת משה, זאגט עדות דער מחבר פון ספר עזרא. ער דערציילט — ווען דער בית המקדש איז פארענדיקט געווארן האט מען איינגעטיילט די עבודה אין בית המקדש צווישן די כהנים און לוים אזוי ווי עס שטייט געשריבן אין תורת משה. אחוץ דעם האט מען דעם פירצענטן טאג אין ערשטן חדש געשאכטן דעם קרבן פסח „בטהרה": געריייניקטע און אפגעשיידטע „מטמאת גויי הארץ": פון זייערע שכנים׳ס אומ־רייניקייט און געפראווועט דעם חג המצות זיבן טעג. (עזרא ו׳) איז דערפאר, וואס די געלערנטע פון ישוב האבן געקענט די קאמפליצירטע דינים פון דער עבודה אין בית המקדש און די הארבע דינים פון קרבן פסח, קיין ספק ניט אז זיי זענען אויך געווען באהאוונט אין אלע אנדערע רעליגיעזע און ציווילע געזעצן פון תורת משה אזוי ווי עזרא הסופר.

אבער אין משך פון די קנאפע הונדערט און פירציק יאר, פון אנהייבן בויען דעם בית המקדש ביזן אנקומען פון עזרא הסופר, האט זיך אנטוויקלט אין ארץ ישראל אן אנדערער נוסח פון יידישקייט ווי דער גלותדיקער איז געווען. די אויטאריטעטן פון תורת משה אין ארץ ישראל האבן ניט קיין מורא געהאט אז די יידן פון ישוב וועלן פארלאזן דעם אלמעכטיקן פון ישראל און ווערן גוים, ווייל באפרייטע פון פארן חורבנדיקן בילדער קולט האט די סוב־לימקייט פון זייער גלויבן אין אבסאלוטן מאנאטעאיזם, וואס איז געקומען צום אויסדרוק דורכן צוריקקער אין זייער היימלאנד, זיי אימונירט קעגן די פאנטע־

איסטישע אילוזיעס פון זייערע שכנים. דעריבער האבן די געלערנטע פון ארץ ישראל אזוי אינטערפרעטירט די געזעצן פון תורת משה, אז די טירן פון די יידישע שטובן זאלן זיין אפן אריינצונעמען „תחת כנפי השכינה" די ניט־יידישע איינוווינער פון ארץ ישראל, כדי זיי צו אסימילירן. דער קעגן זענען די אויטאריטעטן פון תורת משה אין פרס ומדי שטענדיק געווען אונטער דער מורא אז די יידן וועלן פארלאזן דעם אלמעכטיקן פון ישראל און ווערן גוים, ווייל אנשטאט דעם אלטן בילדער קולט האבן זיי אנגענומען דניאל׳ס גלות אידעאלאגיע פון א ראנגלעניש אין הימעל צווישן גוטע און שלעכטע מלאכים ביז דער „כבר אנש" משיח וועט קומען, וואס שטאמט פון פאנטעאיסטישן וועלט באנעם און דער איינציקער אונטערשייד צווישן אים און דעם ניט־יידישן משיחיזם איז, דאס אנרופן די הימלישע הייליקע מיט אנדערע נעמען. דעריבער האבן די יידישע געלערנטע פון פרס ומדי אזוי אינטערפרעטירט די געזעצן פון תורת משה, אז די יידישע שטובן זאלן זיי פארשלאסן פאר די ניט־יידישע שכנים, כדי צו פארמיידן אסימילאציע, וואס זעט אויס צו זיין אין הסכם מיט דער מסורה פון מדרש, אז ממוכן פון מגילת אסתר איז געווען דניאל. (מגילה י"ב תוספות.)

עזרא הסופר, דער נאכפאלגער פון דניאל אין דער ריי פון די ערשטע חכמים, האט איבערגענומען דניאל׳ס גלות אידעאלאגיע, ווי מען זעט דאס אין אפאקריפישן ספר פון עזרא, און אויך דניאל׳ס רפואה קעגן אסימילאציע. עס איז אבער עזרא׳ן ניט געלונגען צו איזאלירן די יידן אין פרס ומדי פון זייערע שכנים, די געמישטע חתונות האבן זיך פארמערט פון יאר צו יאר, און אזוי ווי מען האט ניט געוואלט אריינגעמען זייערע קינדער אין די יידישע געמיינדעס, אפילו ווען די פרעמדע מאמעס האבן זיך אויסגעלעבט און זיי דערצויגן אין דער קולטור און רעליגיע פון יידישן פאלק, זענען זיי אוועק נאך ארץ ישראל און געהאלפן אויפבויען דאס לאנד, האט זיי דער ישוב אויפגענומען. (קידושין ס"ט — „עלו מאיליהם") עזרא הסופר איז ניט צופרידן געווען פון דעם און האט באשלאסן אהין צו פארן, כדי צו לערנען די יידן פון ישוב זיין אינטערפרעטאציע פון די רעליגיעזע און ציווילע געזעצן. אבער וויסענדיק אז די אויטאריטעטן פון תורת משה אין ארץ ישראל וועלן ניט צולאזן אז ער זאל פסקנען זייערע דינים, האט ער געבעטן ביים מלך ארתחשסתא, מען זאל אים געבן דעם פאסטן פון קאזיענע אדער רעגירונגס רבי איבערן ישוב, כדי ער זאל קאנען מיטן כח פון די סאטראפן און פחות: פאליציי קאמיסארן און גובערנאטארן ארויפצווינגען אויפן ישוב זיין אינטערפרעטאציע פון תורת משה, און דער מלך ארתחשסתא האט דאס באוויליקט. (עזרא ז׳)

לויטן מחבר פון ספר עזרא האט עזרא הסופר באקומען פון מלך ארתחשסתא א מאנדאט, וואס די הויפטפונקטן זענען געווען — אז עזרא דעם כהן און געזעצן שרייבער ווערט געגעבן די דערלויבעניש צו ווערבירן פרייוויליקע פון זיין פאלק אין פרס ומדי, כדי צו גיין מיט אים נאך ירושלים, ווו אהין ער ווערט געשיקט פון מלך און זיינע יועצים, אויסצופארשן אויב די יידן



פון ישוב האלטן די געזעצן פון אלמעכטיקן אזוי ווי ער־עזרא אינטערפרעטירט זיי. ווי אויך אויף צו פאסן אז די עבודה אין בית המקדש זאל ריכטיק געטוען ווערן, אזוי ווי דער הימלישער אלמעכטיקער האט געבאטן, כדי ער זאל ניט צערנען אויף דער מלוכה אדער אויף דעם מלך אין זיינע קינדער. אחוץ דעם האט דעם מלך באפוילן זיינע שאצמייסטערס אז די כהנים, לווים און אלע אנדערע אנגעשטעלטע אין הויז פון אלמעכטיקן זאלן זיין פריי פון שטייערן, און עזרא׳ן האט דער מלך געגעבן די פולמאכט צו באשטימען ריכטער און דיינים צו משפטן דאס יידישע פאלק אין ארץ ישראל, וואס זאלן האבן די רעכט צו באשטראפן די פארברעכער פון אלמעכטיקן׳ס געזעצן אדער די געזעצן פון מלך ענטוועדער צום טויט, פארטרייבונג פון לאנד, קאנפיסקירונג פון פארמעגן אדער געפענקעניש. (עזרא ז׳).

ווי מען זעט פון דעם דאקומענט האט עזרא הסופר באקומען דעם פאסטן פון דיקטאטאר איבערן ישוב, ווייל עס איז אים געלונגען איינצורעדן דעם מלך ארתחשסתא אז דער אלמעכטיקער וועט צערנען אויף זיין מלוכה אדער אויף אים און זיינע קינדער אויב מען וועט ניט איינפירן אין ארץ ישראל עזרא׳ס נוסח פון יידישקייט. מיט דעם מאנדאט אין האנט האט עזרא אנגעהויבן ווערבירן די פרייוויליקע און אין א קורצער צייט האבן זיך פארזאמעלט אויף זיין רוף ארום פופצן הונדערט הויפטלייט פון פרס ומדישן יידנטום מיט יחוס בריוו אין זייערע הענט, צו גיין מיט אים נאך ירושלים, כדי צו לערנען די יידן פון ישוב זיין אינטערפרעטאציע פון תורת משה. ווען עזרא איז אנגעקומען מיט זיין ארמיי יחסנים קיין ירושלים, האט ער געוויזן דעם מאנדאט פון מלך ארתחשסתא צו די סאטראפן און פחות, זיי זאלן וויסן אז ער איז באשטימט געווארן צו זיין דער רעליגיעזער און ציווילער מנהיג פון ישוב, און זיי האבן אים טאקי געהאלפן באהערשן דאס פאלק און דעם בית המקדש. (עזרא ח׳)

אבער הגם עזרא הסופר האט געהאט זיין סמיכה פון מלך ארתחשסתא און די סאטראפן זענען געווען גרייט צו העלפן אים, איז אים ניט געלונגען צו פארטרייבן פון ישוב די קינדער פון געמישטע חתונות, וואס זענען געקומען פון פרס ומדי און האבן געהאלפן אויפבויען דאס לאנד. (נחמיה ו׳ — „כי התן הוא לשכניה"...) ארום זעקס הונדערט און פופציק יאר שפעטער, ווען דער צווייטער בית המקדש איז שוין לאנג חרב געווען און בבל איז געווארן דער תורה צענטער פון יידישן פאלק, האט מען נאך גערעדט וועגן דעם. די בבלשע יידן האבן זיך געגרויסט אז זיי זענען די יחסנים פון פאלק ישראל, ווייל די פסולים: די קינדער פון געמישטע חתונות, וואס עזרא האט פאר טריבן פון בבל זענען פארשווינדן צווישן די יידן פון ישוב אין ארץ ישראל, און היות די גדולי הדור פון ארץ ישראל האבן זיך מיט זיי משדך געווען האט מען ניט אנטפלעקט ווער זיי זענען. (ירושלמי קידושין פ"ד ה"א, בבלי קידושין ע"א) מען מעג דעריבער אננעמען, ווייל צו פארטרייבן די פסולים פון ישוב איז געווען דער איינציקער צוועק פון עזרא׳ס קומען, וואלט זיך זיין מיסיע מיט גאר ניט געענדיקט, אויב זיינע הויפטלייט וואלטן זיך ניט געטשעפעט צו די

קאלאניסטן.

זיינע הויפטלייט זענען געקומען צו אים און אים דערציילט אז דאס פאלק מיט די כהנים און לווים האבן זיך ניט אפגעשיידט פון די קאלאניסטן, וואס זענען אזוי אומווערדיק ווי די פעלקער פון און ארום ארץ ישראל אין דער צייט פון משה רבינו. זיי און זייערע זין האבן חתונה געהאט מיט די קאלאניסטישע טעכטער, פארמישט די „זרע הקדש" מיט דער פרעמדער ראסע, און די ערשטע אין דער פעלשונג זענען געווען די עלטסטע און די פארשטייער פון פאלק. ווען עזרא האט דאס געהערט, האט ער צעריסן זיינע קליידער און אויסגעפליקט זיך די האר פון קאפ און בארד. אנידערקניענדיק האט ער אויסגעשפרייט די הענט צום אלמעכטיקן און מתודה געווען די זינד, און צום סוף סוף דער ווידוי האט ער געזאגט: „מיר האבן פארלאזן דיין געבאט וואס דו האסט באפוילן דורך דיינע קנעכט די נביאים, אז דאס לאנד וואס איר קומט ירשנען איז אומריין וועגן דער אומרייניקייט פון די איינגעבוירענע פעלקער, זיי האבן עס מיט זייערע אומווערדיקייטן אנגעפילט פון עק ביז עק מיט זייער טומאה. דערפאר זאלט איר ניט געבן אייערע טעכטער צו זייערע זין און ניט נעמען זייערע טעכטער פאר אייערע זין. איר זאלט ניט קיינמאל זוכן זייער שלום און זייער גוטסקייט, כדי איר זאלט שטארק זיין, עסן די שפע פון לאנד און עס איבערלאזן בירושה צו אייערע קינדער אויף אייביק". (עזרא ט׳)

פאקטיש האבן די אור־אור עלטערן פון די קאלאניסטן זיך שוין געהאט מגייר געווען, און ווי עס ווייזט זיך אויס האט עזרא הסופר געהאלטן, כאטש זיי שטאמען פון גרים טארמען זיך ניט משדך זיין מיט זיי, ווייל זיי ווינען אין ארץ ישראל, אזוי ווי תורת משה האט פארבאטן זיך משדך צו זיין מיט די פארצייטישע פעלקער פון לאנד כנען. די הלכה איז אבער אז אליין מיט גרים פון די פארצייטישע כנען פעלקער האט תורת משה ניט דערלויבט זיך משדך צו זיין. (דלא קי״ל כרשב״י — כי יסור לרבות כל המסירין — כסף משנה, רמב״ם הלכות איסורי ביאה פי״ב ה״א) אחוץ דעם איז אויך די באהויפטונג, אז די קאלאניסטן זענען אזוי אומווערדיק ווי די כנענישע פעלקער, זער שטארק איבערגעטריבן, די גמרא זאגט עדות אז די מצוות פון תורת משה האבן די כותים אדער קאלאניסטן שטרענגער אפגעהיטן ווי די יידן. (גיטין י׳) און דריי אויטאריטעטן פון די חכמי התלמוד האבן טאקי געזוכט צו פארענטפערן די געשעעניש פון יענער צייט, רבי ישמעאל האט דערקלערט אז די כותים אדער קאלאניסטן זענען ניט געווען קיין אמתע גרים, האט אים רבי עקיבא אפגעוואנדן און געזאגט אז זיי זענען געווען גירי אמת, נאר מחמת זיי האבן ניט ריכטיק אויסגעטייטשט דעם דין פון יבום זענען זייערע קינדער געווען ממזרים, און רבי שמעון בן גמליאל האט געהאלטן אז זיי זענען ניט בקי געווען אין די געזעצן פון גיטין און קידושין. (קידושין ע״ה)

יעדן פאלס איז דאס משדך זיין מיט די קאלאניסטן ניט געווען א נאציאנאלע פראגע, א סכנה אז די יידן פון ישוב וועלן פארלאזן דעם אלמעכטיקן פון ישראל און ווערן גוים, ווי עזרא האט פרעטענדירט מיטן ציטירן פון תורת



משה וואס עס איז געזאגט געווארן וועגן די כנענישע פעלקער, האט עס זיך געהאנדעלט וועגן אן אינטערפרעטאציע פון א רעליגיעזן געזעץ וואס די שפעטערדיקע חכמי התלמוד האבן אפילו ניט געקאנט איינשטימיק פעסטשטעלן. אבער קעגן די סאטראפן פון מלך ארתחשסתא זענען די גדולי התורה פון ארץ ישראל ניט בכח געווען צו קעמפן, זיי האבן געמוזט צוזען און שווייגן ווען עזרא האט, מיט דער דראונג צו קאנפיסקירן זייער פארמעגן און אויסשליסן זיי פון יידענטום, געצווינגען די יידן פון ישוב ארויסצוטרייבן פון זייערע הייזער זייערע ווייבער און קינדער, כדי זיך אפצושיידן פון די קאלאניסטישע גרים .(עזרא י׳)

מען קאן זיך פארשטעלן די פארביטערונג און אויפרעגונג וואס די דערווייטערונג פון די ווייבער און קינדער האט ארויסגערופן ביי די קאלאניסטן. גראד דעמאלט, לערך דריי הונדערט זעקס און ניינציק יאר פאר די קצ׳ר, זאל מצרים זיך האבן אפגעריסן פון דער פרס ומדישער אימפעריע און אין די לענדער ארום מצרים זענען פארגעקומען צוזאמענשטויסן צווישן מיליטער און דער באפעלקערונג. האבן די קאלאניסטן אויסגענוצט דעם אנארכישן צושטאנד נקמה צו נעמען אין ישוב, זיי זענען באפאלן ירושלים, האבן צעשטערט דעם איבערבלייב פון איר אלטער פעסטונג, פארברענט אירע טויערן, פאגראמירט די יידישע הייזער און געהרגט יידן. עזרא הסופר האט ניט געקאנט באשיצן דעם ישוב קעגן די אנפאלן פון די קאלאניסטן, ווייל זיינע אונטערשטיצער, די סאטראפן האבן געהאט זייערע הענט פול זיך זעלבסט צו פארטיידיקן. און מחמת ער האט מורא געהאט פאר זיין אייגן לעבן איז ער צוריק געגאנגען נאך פרס ומדי, איבערלאזענדיק דעם ישוב, וואס האט ביז זיין קומען געלעבט בשלום ושלוה, א צשפליטערטן פון רעליגיעזן שנאת חנם און א באזארגטן וועגן דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ. (נחמיה א׳)

די צרות און ליידן, וואס עזרא הסופר האט געבראכט אויף די יידן פון ישוב מיטן צווינגען זיי זיך צו שיידן פון זייערע ווייבער די טעכטער פון די כותאישע גרים, האבן ניט אויפגעהערט אפילו נאך זיין פארלאזן ארץ ישראל. נחמיה דערציילט אין זיין ספר, אז אין צוואנציקסטן יאר פון ארתחשסתא — ארטרקסערקסעס דער צווייטער — איז אנגעקומען א דעלעגאציע פון יהודה אונטער דער אנפירונג פון זיין ברודער חנני אין דער הויפט שטאדט שושן. האט ער אויסגעפרעגט די דעלעגאטן וועגן דער לאגע פון די איבערגעבליבענע נאך די פאגראמען און וועגן ירושלים, האבן זיי אים געזאגט, אז די איבערגעבליבענע זענען אין א זער שלעכטן און שענדליכן מצב, ווייל די מויער ארום ירושלים איז אויפגעבראכן און די טויערן זענען פארצערט פון פייער, ווערן זיי אנגעפאלן און טעראריזירט פון זייערע שונאים. ( נחמיה א)

נחמיה האט באשלאסן צו גיין נאך ירושלים כדי צו פאררעכטן איר מויער און באשיצן די יידן קעגן די אנפאלן, אבער ווי עס ווייזט זיך אויס, הגם ער איז געווען דער שר המשקים פון מלך און אים געזען יעדן טאג, דאך האט ער מורא געהאט צו בעטן ביים מלך א דערלויבעניש. עס זענען אוועק געגאנגען

פינף חדשים, פון כסליו ביז ניסן, און ערשט ווען זיין שלעכטער אויסזען איז געווארן פארדעכטיק אין די אויגן פון מלך, האט ער געזאגט דעם מלך אז ער איז פארביטערט ווייל די שטאדט פון זיינע עלטערנס קברים איז חרב און אירע טויערן זענען פארצערט פון פייער. (נחמיה ב׳) די סיבה פון נחמיה׳ס מורא מוז האבן געווען, דאס וואס די שפעטערדיקע חכמי התלמוד באהויפטן, אז אין די דרייצן יאר צווישן עזרא און נחמיה האט דער מלך פארלוירן זיין סימפאטיע צו דער יידישער רעליגיע. (ראש השנה ד׳) דעם אונטערשיד זעט מען פון דעם וואס עזרא הסופר איז געגאנגען אלץ א שליח פון מלך ארתחשסתא אויפ־צופאסן אויף די יידן פון ישוב זיי זאלן אפהיטן די געזעצן פון תורת משה, כדי דער הימלישער אלמעכטיקער זאל ניט צערנען אויף זיין מלוכה, און נחמיה האט אויסגעבעטן פון מלך ארתחשסתא די דערלויבעניש צו גיין, ווייל די פיעטעט פאר זיינע געשטארבענע עלטערן האט געווירקט אויפן מלכס גע־פילן.

ווען נחמיה איז אנגעקומען קיין ירושלים און גענומען צוגרייטן די ארבעט פון פארריכטן די מויער, האבן די פירער פון די כותאישע גרים אנגעהויבן צו שטערן די ארבעט, אזוי ווי אין דער צייט פון זרובבל ווען די יידן האבן אנגע־הויבן בויען דעם בית המקדש. אבער נחמיה האט שוין געהאט ארום זיך א יוגענט וואס איז געבוירן געווארן אין קאמף פאר זייער לאנד, האט ער איר פארוואנדעלט אין אן ארמיי פון ארבעטער־סאלדאטן, א העלפט פון די יונגע־לייט האבן געשלעפט די שטיינער צו בנין אדער געמויערט און די אנדערע העלפט זענען געשטאנען אויף דער וואך באטאג און באנאכט מיט שווערדן, שפיזן און פיילבויגענס צו פארטיידיקן די ארבעטער קעגן אנפאלן פון די כותאישע גרים. (נחמיה ד׳)

עזרא הסופר האט אויך מיט זיין געצווינגענע איזאלאציע געשאפן אן עקא־נאמישן קריזיס אין לאנד און די געליטענע זענען צום מיינסטן געווען יידן, ווייל די רייכע כותאים האבן געהאלפן זייערע ארעמע ברידער, און די רייכע יידן ניט. זעענדיק אז אלע האבן רעספעקט און מורא פאר דעם נייעם מנהיג, נחמיה, זענען די נויטבאדערפטיקע יידן געקומען צו אים און זיך באקלאגט אויף זייערע רייכע יידישע ברידער. די ארבעטסלאזע האבן פארלאנגט ברויט כדי צו דערהאלטן זייערע גרויסע משפחות ביים לעבן, די פויערים האבן געוואלט אז די רייכע יידן זאלן ניט נעמען פון זיי וואכער צינזן ווען זיי פארמשכנען די פעלדער און גערטנער, און די וואס האבן געהאט פארמשכנט זייערע פעלדער און גערטנער פאר געלט צו באצאלן דעם מלך זיינע שטייערן האבן געבעטן אז ווען די רייכע יידן קויפן זייערע זין און טעכטער פאר א שטיקל ברויט, זאלן זיי ניט פארקויפן זייערע זין און טעכטער צו די גוים פאר שקלאפן. אז נחמיה האט דאס געהערט איז ער זער אין כעס געווארן אויף דער אכזריות פון די רייכע יידן און האט זיי געצווינגען זיי זאלן שפייזן די ארבעטסלאזע, ניט נעמען קיין וואכער צינזן ביי די פויערים און ניט פארקויפן יידישע קינדער צו די גוים פאר שקלאפן. (נחמיה ה׳).



צוויי און פופציק טעג האט גענומען צו פארשטאפן די אויפגעבראכענע שטיקער פון דער מויער און צו מאכן די נייע טויערן. ווען די ארבעט איז פער טיק געווארן האט נחמיה זיך ארומגעקוקט און געזען, אז די שטאדט איז גרויס און ברייט מיט ווייניק מענטשן און קיין הייזער צו וווינען אין זיי. ער וואלט מסתמא עפעס געטוען כדי די באפעלקערונג צו פארמערן און אנצופילן די שטאדט מיט נייע הייזער, אויב עזרא הסופר וואלט ניט געהערט די גוטע נייעס אז דער מצב פון די יידן אין ירושלים איז בעסער געווארן און האט דערפאר באשלאסן צוריק צו קומען כדי ווייטער א דורכצופירן זיין רעליגיעזע מיסיע צו איזאלירן די יידן. דער קאמף וואס עזרא האט געפירט קעגן די אויטאריטעטן פון תורת משה אין ארץ ישראל איז איצט געווען א סך לייכטער, נחמיה, דער איצטיקער פחה, האט געהאט א גלותדיקן וועלט באנעם ווייל ער איז דערצויגן געווארן אין די ישיבות פון פרס ומדי, און די אפעראציע צו איזאלירן דעם ישוב פון די כותאישע גרים האט שוין עזרא געהאט געמאכט, איז אים דעריבער ניט שווער אנגעקומען צו באאיינפלוסן נחמיה׳ן ער זאל אויך אפשיידן די פסולים: די קינדער פון געמישטע חתונות וואס זענען אויפגעאנגען מיט זרובבל׳ן פון גלות.

נחמיה האט אויפגעזוכט די יחוס בריוו פון די משפחות וואס האבן פארלאזן פרס ומדי זינט דער צייט פון זרובבל, און ער האט פארצייכענט די וועלכע האבן ניט געהאט קיין יחוס בריוו, כדי מען זאל זיך ניט מיט זיי משדך זיין. (עזרא ב׳, נחמיה ז׳) דערווייל איז אפגעלאפן דער טערמין פון נחמיה׳ס אורלויב און דער מלך האט אים צוריק גערופן נאך שושן, אז ער איז נאך א לענגערע צייט ווידער געקומען נאך ירושלים האט יוחנן כהן גדול געהאט פארניכטעט אלע יחוס בריוו פון ישוב וואס זענען געווען אין ארכיוו פון בית המקדש, (נחמיה י״ב) מצודת דוד) ווייל זיין משפחה, וואס האט געשטאמט פון כהן גדול יהושע בן יהוצדק, און אויך אנדערע יידן פון ישוב האבן אינצווישן געהאט צוריק גענומען זייערע ווייבער די טעכטער פון כותאישע גרים. א פרישע מחלוקה האט זיך צופלאקערט אין ישוב וועגן דער אלטער אנגעווייטאגטער פראגע, צווישן די אויטאריטעטן פון תורת משה אין ארץ ישראל און די מנהי־גים פון גלות, נחמיה און עזרא.

דער קאנפליקט איז דאס מאל א סך שארפער געווען ווייל עזרא האט געפינען אין תורת משה אז „לא יבוא עמוני ומואבי בקהל האלקים עד עולם״: ניט קומען זאלן עמון און מואב אין דער געמיינדע פון אלמעכטיקן ביז אויף אייביק, (נחמיה י״ג) האבן נחמיה און עזרא אויך אויסגעשלאסן די קינדער פון יידישע פרויען און מענער פון די צוויי פעלקער. ארום פינף הונדערט יאר שפעטער האט מען אפגעווארפן די מיינונג פון עזרא און נחמיה, ווען אן ענלעכע פראגע איז געפרעגט געווארן אין דער ישיבה פון יבנה האט מען געפסקנט אז מען מעג אננעמען גרים פון עמון און מואב, ווייל סנחרב מלך אשור האט אויסגעמישט אלע פעלקער, זענען ניט מער דא קיין ריינע עמונים און מואבים ווי אין דער צייט פון תורת משה, (ברכות כ״ח) און אזוי ווי נחמיה און עזרא

האבן געלעבט עטליכע הונדערט יאר נאך סנחרב מלך אשור, איז דאס אויסשליסן פון די קינדער וואס האבן געשטאמט פון עמונישע און מואבישע גרים געווען אן איבערגעטריבענע קנאות אין קאנטראדיקציע צו דער הלכה.

די האפענונגען פון די כהנים גדולים, וואס האבן געשטאמט פון יהושע בן יהוצדק און זענען געווען די אויטאריטעטן פון תורת משה אין ארץ ישראל, אז די באחרית הימים נביאות פון מיכה וועט אין זייער צייט מקיום ווערן, זענען צעשטערט געווארן דורך דער איבערגעטריבענער קנאות פון די גלות מנהיגים עזרא און נחמיה. אנשטאט איינזאמלען און צונויפקלייבן די „הצלעה והנדחה": די הינקעדיקע און פארשטויסענע יידן קיין ציון און מאכן פון זיין איין גרויס פאלק, (מיכה ד') האבן די גלות מנהיגים ארויפגעצווינגען זייער קאנצעפציע פון איזאלאציע אויפן ישוב און אים צעריסן אין צוויי פיינדליכע פעלקער, אזוי ווי דער נביא אחיהו השילוני האט געטוען אין זיין צייט. טויזענטער ארעמע יידן צווישן זיי א סך כהנים און לוים, וואס זייערע עלטערן און עלטער־עלטערן האבן אויפגעבויעט דאס לאנד מיט שווייס און בלוט, זענען איבערגעגאנגען צו די כותאישע גרים ווייל סנבלט, דער פירער פון די כותאישע גרים האט זיי געגעבן געלט און פעלדער און אויפגעבויעט פאר זיי א בית המקדש אויפן הר גריזים. (יוסף בן מתתיהו־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן" בוך 11, קאפ. 8, פאר. 2) אין דער בלוטיקער מלחמה, וואס איז אויסגעבראכן ווענן דער שפאלטונג, האט עזרא הסופר פארלוירן זיין לעבן, (סליחות לעשרה בטבת „אזכרה מצוק") און די שנאה צווישן ירושלים און דעם הר גריזים איז שטארקער געווארן פון דור צו דור.

## עלען ווינאגראד

## „א מאזשאריטי אוו וואן"

סטארס : מאלי פיקאן און ראבערט מארליי, אין טעאטער „פעניקס"

(דורך מיינע אויגן)

„א מאזשאריטי אוו וואן" איז זער א שיינע פיעסע, הגם אפשר נישט אינגאנצן צוגעפאסט צום געשמאק פון ענגלישן פובליקום ; זי האט אין זיך צופיל אידישן סוזשעט.

אין אמעריקע האט די פיעסע דעם גרעסטן דערפאלג. עס איז נישט קיין וואונדער, דארט קאן זי זיך פארלאזן מיט זיכערקייט אויפן אידישן עולם, וואס נעמט זי אויף מיט ענטוזיאזם, ווייל דער אינהאלט, די סצענעס זענען איר נאנט צום הארצן.

דא אין לאנדאן, כדי אזא ענגלישע פיעסע זאל זיין א סוקסעס און גיין א לאנגע צייט איז פשוט נישטא גענוג אידן אנצופילן דאס טעאטער טאגבאטאג ; און דאס ענגלישע פובליקום בלייבט קעלטלעך צו דעם פראבלעם פון א אידישער פרוי, וואס קערט איבער מיט איר פשוטער חכמה דעם גאנג פון אן אינטערנאציאנאלער ביזנעס־קאנפערענץ. דאס ענגלישע פובליקום איז אין די ווערטער פון קעניגין וויקטאריא : „נישט אמוזירט". זיי זעען נישט דעם



וויץ. עס פעלט זיי פארשטענדעניש פאר די אידישע כאראקטעריסטיקעס — און לאמיר זיין אויפריכטיק — אויך אינטערעס.

די פיעסע האט א לייכטן, אמוזירנדן אינהאלט. א אידישע פאמיליע אין ברוקלין, ניו־יארק, וואס באשטייט פון א מאמע, מרס. זשאקאבי, (מאלי פיקאן), א טאכטער, אליס, (איירען האמילטאן) און אן איידעם, זשעראם, געשפילט פון עדווארד דע סוזא.

עס קומט אזוי אויס, אז דער איידעם קריגט א וויכטיקן פאסטן אין דעם אמעריקאנעם „סטייט דעפארטמענט" און מוז פארן קיין טאקיא, יאפאן. מיט אים פארט מיט זיין פרוי און די מאמע באדארף בלייבן אליין. די טאכטער וויל נישט, אז די מאמע, אן אלמנה, זאל זיין אליין און בעט דעם מאן, אז די מאמע זאל מיט זיי מיטפארן. און דא הויבט זיך אן :

ווארים אויף דער שיף פארט אויך א יאפאנעזער מיטן נאמען, קאיטשו האסאנא, געשפילט פון ראבערט מארליי. האסאנא איז דער פארשטייער פון זיין רעגירונג, דעלעגירט צו אונטערהאנדלען מיט דעם אמעריקאנער פארשטייער זשערי.

עס אנטוויקלען זיך סיטואציעס, אין וועלכע די מאמע, מרס. זשאקאבי, ווערט נאנט באקאנט מיטן יאפאנעזער, האסאנא. מיט איר ווארימקייט און חן באצויבערט זי אים און עס אנטוויקלט זיך צווישן זיי אן אמתע פריינטשאפט, באזירט אויף די שענסטע געפילן. ער ווייזט ארוים א רעספעקט און פארשטענדעניש פאר אלץ וואס זי טוט. אין זיינע אויגן איז זי נישט קיין מיטליעריקע אידישע פרוי, נאר א קלוגע, שיינע ליידי.

און דא הויבן זיך אן קאמפליקאציעס. איר טאכטער און איידעם גלויבן נישט, אז די מאמע זאל נאך קענען עמיצן געפעלן און פארדעכטיקן דעם יאפאנעזער זשענטלמען אין וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט פאר זיינע צוועקן. אבער איך וויל דא נישט אנטפלעקן דעם גאנצן סוזשעט.

די פיעסע ווערט געשפילט מיט א ריינקייט און איידלקייט, וואס איז א נחת צוצוקוקן. די סצענעס אין דעם הויז פון האסאנא זענען א מייסטערווערק פון אטמאספערע. עס בלאזט פון זיי די פרישקייט פון א ווייסער בלום. די יאפאנעזישע מנהגים, דאס אויסזעען פון דעם הויז, די דעליקאטע גאסטפריינטלעכקייט, דאס אלץ ווערט ארויסגעברענגט בולט און עס איז א פארגעניגן פארן אויג און פארן חוש.

די סצעגעס אין דער אידישער שטוב זענען אביסל צו אמעריקאניש. עס וואלט געווען בעסער ווען מען וואלט זיי געשפילט מיט אביסל מער דיסקרעציע, באזונדערס די סצענע פון ליכט־בענטשן.

איך בין נישט מסכים מיט דעם. איך וואלט געקענט זאגן פאראדירן פאר יעדן באזונדער און אלע צוזאמען דעם טיש אינמיטן די שטוב מיט די הויכע ברכות. עפעס האט דאס נישט געמאכט אויף מיר דעם געוואונטשענעם איינדרוק.

אבער צו וואס אויסרעכענען די פעלערן ? עס זענען דא אזויפיל מעלות

און אזויפיל גוטע און שיינע מאמענטן, אז זיי וועגן איבער די עטלעכע שוואַכערע פונקטן.

מאלי פיקאן איז א בריליאנט. איר שפילן איז ווייך און עס ציט זיך אזוי ווי א זיידענער פאדעם אדורך די פיעסע. זי רירט אייך ביז צו טרערן און באלד מאכט זי אייך לאכן. איר האט אויף איר רחמנות און גלייכצייטיק באוואונדערט איר איר שטארקייט. דאס קליינע אידישע ווייבעלע אז א קוואל פון זיסקייט און חכמה. עס איז ווערט צו גיין א מייל כדי זי צו זעען שפילן די ראל.

ראבערט מארליי איז אויסגעצייכנט און קינסטלעריש אין די ראל פון קאיטשו האסאנא. ער שפילט זי מיט אן איידלקייט און ווירדע, וואס איך קען מיר נישט פארשטעלן, אז נאך עמיצער פון די גרעסטע סטארס זאל דאס קענען באווייזן. זיין יאפאנעזער רייכער ביזנעסמען איז א מייסטערווערק פון פארשטענדניש צום קלענסטן דעטאל. אפילו די עקזאטישע סצענעס, וואס ער פירט אדורך און וואס וואלטן ביי א צווייטן ארויסגעקומען לעכערלעך, קומען ביי אים ארויס נאטירלעך און סימפאטיש. איך בין אנטייקט פון זיין פארטרעטירן און אויסשניצן די ראל פון האסאנא.

די טאכטער, אליס, איירען האמילטאן, איז נאטירלעך און הארציק. איר מאן, זשערי, א געטרייע שילדערונג פון אן אמעריקאנעם יינגערמאן, אביסל צופיל איבערגענומען פון זיין גרויסקייט און וויכטיקייט, אבער אין הארצן גוט און געטריי.

אלע אנדערע גיבן א גוטן בייטראג.

די רעזשי — גוט, אבער אביסל צו בולט אין די אידישע סצענעס. די דעקאראציעס — מחיהדיק, באזונדערט די יאפאנעזישע.

א פארשטעלונג — לאנג צו געדענקען און אומבאדינגט ווערט צו זעען.

איך ווינטש סוקסעס דער שיינער אויפפירונג „א מאזשאריטי אוו וואן" אין „פעניקס"־טעאטער און די סטארס — מאלי פיקאן און ראבערט מארליי.

מ. אלמאן

## קולטור - כראניק

### א שוואכער תירוץ

ד״ר י. י. מייטליס פארנעמט איצט דעם אמט פון בילדונגס־מיניסטער ביי דער ציוניסטישער פעדעראציע אין ענגלאנד. דערמיט איז פארבונדן די זאָרג פאר די טאָגשולן („דעיסקולס"), וואס דארפן בילדן דעם פונדאמענט פון ציוניסטישער דערציונג אין „גלות".

זוכט ד״ר מייטליס די פעדים, וואס דארפן פאראייניקן דעם „גלות" מיט ישראל. האָט ער פלוצלינג דערזען, אז צוליבן אומקום פון די יידן אין מזרח־אייראפע, פארשווינדט די יידישע שפראך פון גאטס ערד, און די יידן וואס זענען צעשפרייט איבער דער וועלט וועלן נאָך, חלילה, בלייבן אפגעריסן פון... ישראל.



ווי אזוי קען מען דאס פארהיטן ?

ד״ר י. י. מייטליס האט אן עצה. אזוי ווי יידיש גייט אונטער (דערין איז ער דאָך זיכער !) דארף מען איינפירן אין די „דעיסקולס" העברעיש.

איך מיין אבער, אז ד״ר י. י. מייטליס האט נישט באדארפן זיך באנוצן מיט אזא שוואכן תירוץ. כדי איינצופירן, איין שעה א טאָג, העברעאיש אין די ציוניסטישע „דעיסקולס".

וואָרן, אפילו ווען יידיש האט געלעבט(!) האבן יידן געלערנט העברעיש; מער, ווי דער ענגלישער פראָגראם אין יידישע טאגשולן דערלויבט איצטער.

### אסימילאציע

ווען היגע רעווערענדס הייבן אָן סטראשען דעם יידישן עולם מיט אסימילאציע, איז א סימן, אז זיי שרעקן זיך פארן גולם, וואס זיי אליין האבן באשאפן.

דעם פראבלעם „אסימילאציע — אנטיסעמיטיזם" האט אין לאנדאן באהאנדלט אויף א פארזאמלונג ד״ר, רבי לערמאן.

אין צוזאמענהאנג מיט אט דער טעמע שווימען ארויס פראגן: ווער האט איינגעפירט ענגליש אין די יידישע בתי־תפילה ?

ווער קליידט זיך אין גלחישע סוטאננעס מיט א „דאָג־קאָללער" אלס צוגאָב ?

ווער שטאָלצירט מער מיטן ווערטלעכן אוניווערסיטעט־טיטל ווי מיטן טיטל רבי, וואס עס דערלויבט דער התר־הוראה ?

אדרבה, ווער פארשפרייט אסימילאציע ?

### עם־הסידור

ד״ר סעסיל ראָט רעפערירט אין לאנדאן אויף דער טעמע: „דער ייד און זיין ליטעראטור". האט ער קריטיקירט די ענגלישע יידן, וועלכע האלטן זיך, כלומרש, פאר אנגעהעריקע צום „עם־הספר", אבער פון דער גאנצער יידישער ליטעראטור זענען זיי געבליבן בלויז ביי... זינגערס סידור.

ד״ר ראט האט, מן־הסתם, נישט באמערקט די „ביכער־וואָך" אין לאנדאן. ער וואלט זיך איבערצייגט, אז ס׳געפונען זיך נאך ביכער אין פריוואטע, יידישע הייזער. ווארן ווו וואלטן די איינארדנער פון דער „ביכער־וואך" אויסגעבארגט עקזעמפלארן פאר דער אויסשטעלונג ?

לאנדאן איז דאך ווייט פון יידישע פארלאגן !

## „דאס צוגעזאגטע לאנד" פון סימאן בלומענפעלד אין גרענד-פאלעי טעאטער

דאָס יידישע טעאָטער גרענד־פאָלע, דער יורש עצר פונם אמאָליקן מאַיעסטעטישן פאַוויליאָן־טעאָטער איז לעצטנס געוואָרן דאָס ציטערדיקע קינד; א לעצטער יורש פון אַ דינאַסטיע, וואָס מ׳האָט מורא מ׳זאָל אים נישט פאַרלירן. די באַמיאונגען פון דער חברים גרופע איז רירנדיק: כמעט אַ ליידיקער זאַל

אויף אַ פּורים־פּייערונג פון דער פּועלי צִיון זיינען מיט גרויס דערפאָלג אויפגעטרעטן לעאָן בלומענזאָן, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד.

• • •

אויף דער פּורים־פייערונגן ביי די שבת־נאָכמיטאָג האָט יידל גאָלדבערג געליינט שלום עליכמען און דעם טונקלער — דער עולם האָט געהאַט גרויס הנאה.

• • •

אין לעצטן חודש, אין די יאָרצייטן פון די שרייבער ס. פּאַלמע, י. ה. לעווי, בן־א סאָכאַטשעווסקי און קייט בראון, זיינען ביי די שבת־נאָכמיטאָגס געליינט געוואָרן פון די ווערק פון די נפטרים.

דער פּורים־טאַנץ ביי דער וויצא איז אַדורך זייער דערפאָלג רייך.

• • •

דער באַקאַנטער חזן אהרן העלפאַנט וועלכע איז געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל האָט געדאַוונט אין דער תל־אביב גרויסער שול.

• • •

די פאָרשטעלונג אין גרענד־פּאַלעי לטובת די יידישע שטימע האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

• • •

דער טראַדיציאָנעלער פּורים־טאַנץ איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפּל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַנאַמעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וואהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD. LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 345־6) איין און צוואַנציקסטער יאָר מאַי־יוני 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

| | | |
|---|---|---|
| זיין הסתלקות, (הייאָר שבועות 200'סטער יאָרצייט פון בעל שם) | התגלות | 1 |
| דער בעל־שם־טוב (אַ ביאָגראַפישער עסיי) | הרב דר. צבי ראַבינאָוויטש | 7 |
| יום העצמאות (ליד) | חיים וואַלדמאַן | 17 |
| מאַרק טווען אין פּאַריז (פעליעטאָן) | טעאָדאָר הערצל | 18 |
| צום בוך „ווייטשעפּל" (לידער און סאָנעטן) | א. נ. שטענצל | 22 |
| אויף חרובע וועגן (אַ קאַפּיטל פון אַראָמאַן) | משה דאָמב | 27 |
| אויף דעם בית־עולם (פּאָעמע) | ה. פּאַצאַנאָווסקי | 31 |
| יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים) | י. ריכטיגער | 32 |
| דאָס הויז נאַראָדיצקי (אַ קאַפּיטל זכרונות) | בר־כוכבא נאַראָד | 39 |
| צו די שלושים נאָך יעקב סערעס ע.ה. (נעקראָלאָג) | יהודה ביעטש | 46 |
| דער אַריער העלד N.1. (צייט־ליד) | ש. | 47 |
| לאָ דאָן קולטור ידיעות<br>קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 48 |

## דריגענדיק און וויכטיק

מיר בעטן אונזערע פריינט און אַבאָנענטן אַריינצושיקן זייערע אָפּצאָל, וואָרים עס קומען די זומער־חדשים און דאָס אָנגיין מיטן אַרויסגעבן פונם זשורנאַל ווערט נאָך שווערער.

**ד.ר.**

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Caveli Sreet, London, E.1*